STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06583

NIGN IN VINT

Levi Goldberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לוי גאָלדבערג

ניגון און ווינט

לידער

פאַרלאַג „די פעדער"
ניו יאָרק
1948

"NIGUN IN WINT"

Copyright 1948
by
LOUIS GOLDENBERG
3051 Ócean Avenue,
Brooklyn, N. Y.

שיין אויף מיין נאָמען

ערשטע אָפּטיילונג

דאָס בוך ווידמע איך
מיין ליבער פרוי בתיה
און מיינע צוויי ליבע קינדער:
עליע און שרה־זעלדע.

ווען מען לידער וואַקסן ווי אויף ביימער,
זון גענערט, פון טוי באַטרונקן.
מיינע לידער וואַקסן ווי די קאָרן
מיט וואָרצלען טיף אין ערד געזונקן.

ווען מען לידער זיינען פּאָרעם־רונדיק
מיט גלאַנץ אויף הויט, ווי אָפּגעלאַקערט.
מיינע, ווי קאַרטאָפל זיינען שטויביק —
די הויט מיט ערד, פון פעלד צעאַקערט.

ווען מען לידער האָבן זיסע זאַפטן,
אויף טערפקן סם פון אַל־געטראַנקן.
מיינע לידער זיינען שפּייז צום זעטן, —
און פאַר דעם איז גאָט צו דאַנקן.

ניגון אין ווינט

— וואוהין דערגייט פון ליד אונזער וואָרט?
— אַ וואו דער ווינט עס דערטראָגט!
אַ מאָל פאַר אַן איינזאַם געצעלט צו אַ מענטש
וואָס חלום פון יושר פאַרמאָגט.
אַ מאָל צו אַן אַלטן בית־עלמין פלויט,
וואו אַ סאָווע, לעבן באַקלאָגט.

— וואוהין דערגייט אונזער ניגון פון ליד?
— אַ וואו דער ווינט עס צעשפּרייט!
אַ מאָל צו אַ קאַמף, און דער ניגון איז דאָ
און שפּילט אויף אַ פאָן, ווי אין מויל שפּילט אַ פלייט.
אַ מאָל צו דער בענקשאַפט מיט טרייסט איז עס דאָ
און ווי בענטשונג, ס׳היילט הערצער אין נויט.

— צי דערגייט ניט אַ מאָל אונזער ניגון, און וואָרט,
צו דעם וואָס ווילט זיך מיט לוקסוס געפּאָרט? —
— אָט דער איז געמידן. און עס גילט פאַר אים ניט
די היילונג פון גייסט, וואָס דעם מענטשן דערהויבט.
דער שטראָם פון זיין לעבן מיידט אויס אונזער ליד,
ווייל קלאַנג פון דעם גאָלד, האָט זיין אויער פאַרטויבט.

לוי גאָלדבערג

אַ ליד — אַ למד וואָוו

אין דעם קוועלענדן האַרץ פון אַ דיכטער געמיט
האָט אַ ליד פון יושר זיך געוועקט פון שלאָף.
אין געדאַנק באַ אים האָט זיך ליכטיק צעבליט
אַ געשטאַלט, וואָס דאַרף גיין אין די לויטערע טריט
פון די הייליקע: — אַ ליד אַ למד וואָוו.

האָט דעם דיכטער אין שאַפן באַנומען אַ פרייד
אַ געבענשטע אַזאַ — זכות אים באַשערט.
האָט ער זיין ליד באַשיידן באַקליידט: —
אַ שמייכל אין אויג, אין מויל קלוגע רייד,
און געשיקט אין שליחות: טאָן גוטס אויף דער ערד.

טראָגט דאָס ליד למד וואָוו די מיסיע פון „אים"
איבער שוועל פון אָרימאַן, איבער שוועל פון גביר —
צו לייטערן שלעכטס מיט טרייסטונג אין שטים.
נאָר הייליקער וואָרט לאָזט ניט ווערן אינטים, —
פאַרלאָכט למד וואָוו'ן דער לעבנס וויבריר.

אַז אַזוי איז באַשערט, באַשליסט למד וואָוו,
וועל איך ציען עקשנותדיק ווייטער מיין טראָט,
ביז וואַנען כ'וועל דערזען פון רישעות דעם סוף.
ער גייט איבער וועגן, — אַ נאַכט גיט אים שלאָף
אים וועקט אינדערפרי אויף די בענטשונג פון גאָט.

און אַזוי ווי ער גייט מיט דעם זין פון זיין מיין,
דעמערט דער טאָג און פאַרבט האָריזאָנט.
אויף אַ פעלדיקן וועג וואו ער טרעט דוכט אַליין,
דערהערט ער אַ טענער־געשפּיל, ווי אַ געוויין.
און אַ ליכט אין אַ שויב אַן אַ הויז אים דערמאָנט.

ער ציילט זיינע טריט מיט יעדן שלאָג אין זיין ברוסט,
יעדער שפּאַן ציט אים גיך צו אַ שוועל פון אַ הויז:
— קליפּ קלאַפּ, און אַריין. — אין אַ שטוב וואָס איז פּוסט
פון חפצים, וואָס זיינען בלויז רייכע באַוואוסט —
זיצט אַ מענטש ביים געבוירן פון קלאַנגן געררויש.

זאָגט דער מענטש צו דער גאַסט: זעץ זיך צו ביי מיין טיש,
כ'האָב וואַסער, און ברויט, און אַ ניגון אין מיר,
נאָר ס'פעלט מיר דאָס וואָרט פאַר'ן קלאַנג פון קלאַווויש;
כ'טראָג צער אין מיין האַרץ, און אַ וואָג אויף די פיס.
זאָג, פרעמדער וואָס קען איך טאָן איצט פאַר דיר?

האָט למד וואָוו זיך דערפרייט און געטרייסט אויפן אָרט
דעם מענטש'ן מיט העלזען פון הייליקע רייד.
האָבן באַלד די קלאַווישן זיך צעטאַנצט נאָכן וואָרט
און ס'האָט זיך דער זין מיט'ן ניגון געפּאָרט
אין אַ הימנע: מיט אַחדות צו שמידן די קייט.

און וואונדער אין דעם: — איבער גאָר ווייטער וועלט,
האָט דער מענטש מיט דער בייטש, איבער מענטש אין רוטין —
צוליב אָט דעם ניגון און ליד, אָבגעשטעלט
דעם גאַנג פון דאָס בייז. — די פאַרטיליקטע קעלט,
און לעבן האָט געיובלט מיט שיינקייט, און זין.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איז געקומען דאָס ליד צוריק צום פּאָעט
און אַ נאַכט פון לבנה און העל שטערן ליכט,
און געוועקט אים פון שלאָף: שטיי אויף פּראָפעט!
איצט ביסטו אַ ליכט, וואָס יעדער דערזעט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר דער טויט האָט געשמייכלט אויף זיין קאַלטן געזיכט.

לוי גאָלדבערג

לעבן מיינער!

פאַרגלייך זיך מיט דער וואָך,
לעבן מיינער!
וואָס האָט איין טאָג, רו פאַר פיין,
און זיבן נעכט, מיט שטערן שיין,
לעבן מיינער!

די זעקס וואָכן־טעג — אָרעמע
זיי גייען איינגעשפּאַנט אין כאָמעט
פון דיין יאָך.
איין טאָג נאָר איז דיר אויסגעלייזט —
און ווי אין נאַכט, אַ טרייסט
איז ער שטענדיק דיינער,
און רייך
מיט יום טוב, דיין דויער צו פאַרווײלן,
האַלט זיך אָנגעשפּאַרט
אויף זעקס פּראָסטע זיילן
אין ליכט פון שטערן־נעכט —
דער איין טאָגיקער קעניגרייך
פון דיין לעבן,
וואו ס׳ברענט אַ נר־תמיד
מיט יענעם הייליקן נס
פון קריגעלע אויל.

איז דיר וואויל
לעבן מיינער!

לויכטנדיקע שיינקייט

ס׳איז דאָ אָן אייביק לויכטענדיקע שיינקייט.
זי דרימלט אין באַוואוסטזיין פון יעדן אָרימאַן —
וואָס פינצטערט אין זיין דלד־אמות׳דיקער איינגקייט
וואו די זון, איז קיינמאָל ניט פאַראַן.

זי וועקט זיך שוין אין אַלע זיינע חושים
צו יענער דאָ־איק ערדישער געגעזונג.
די איינגעהילטע שיינקייט, אין אַלט פאַרלאַטעטע מלבושים
זי גיט דער וועלט דערוויל אַ גראַשנדיקע לייזונג...

נאָר אַז די שעה וועט שלאָגן: וועט זי אַ בלאַנקע
אויפשיינען — מיט יענער לויטערדיקער ריינקייט —
פון זיין קעלער־שטוב, — וואו ס׳ליגט די וועלט אַ קראַנקע —
די אייביק לויכטענדיקע שיינקייט.

זי וועט אויסגלעטן די קנייטשן פון אָרימאַנס פנים,
און פון זיין האַנט אַראָפּנעמען דעם צייכן פון נדבה.
זע! עס קומט די חכמה פון דערלייזונג,
איר האָדעווען די אָרעמע, די למד־וואָוון.

דאָ, אין דער פרעמד

דורך אונזער לעבנס־וועג ליגט דורכגעקרייצט אַ טיפער שניט.
אַ צווייענדיקע זעאונג פירט אונז דורך מתלעת׳ן.
דאָ, אין דער פרעמד, גייען מיר אַרום ווי אויף אַ יאַריד
און פילן זיך, ווי מיר וואָלטן וואָס אין דער אַלטער היים פאַרגעסן.

מיר בויען נעסטן, אין דער טורמדיקער בבל־שטאָט: —
נאָר אַז שלאָף פאַרוויגט אין אונז פון וואָר, דעם קומער —
דאַן זיינען מיר אין חלום פייגל, וואָס דער פרילינג האָט
צוריק געבראַכט אין דער ליבער וואַרעמקייט פון זומער.

אָפּגעטרייסלטע פון גאָר דער פרומער שבת־קרובה —
איז גלייכגילט גרייט אין אונז די פריינדשאַפט צו פאַרווערן.
און מאָדנע, ווי מיר ציטערן באַהאַלטן ווי ביי אַ גנבה,
ווען פון שבת, מיר פאַרוואַכערן דעם ערשטן מאַרגנשטערן.

מיט העכסטער חשיבות — ווען אַ געבורט אונז דערפרייט —
מיר לעבן אויף פון אור־עלטערן די ליבע נעמען.
נאָר די קינדער, ווען זיי וואַקסן אויס, ווערן דאָ רינגען אין אַ קייט
וואָס אומרחמנותדיק דער זשאַוער, האָט געטאָן פאַרשעמען...

אויסגעוואָרצלטע וואָס מיר זיינען, — אַפילו אונזער טראָט
איז דאָ נאָכגעמאַכט מיט מאַלפּעשע האַוואַיעס.
און ווען אַפילו ברויט איז דאָ, בלייבט די פרעמדע שטאָט
אַ דורכפאַר־וועג, פאַר אונזערע לויות.

ירושה

דאָס ליכט פון מיין טאַטנס לעבן איז געווען ר׳ יצחק דאַרסקי.
אַ איד אַ ירא שמים, און אַ טיפער לערנער.
אין דער משניות חברה, וואו מיין טאַטע האָט זיין ליד געשפונען —
איז רבי יצחק געווען דער אַקערער, וואָס פאַרזייט חכמה־קערנער.

דערמאָן איך זיך: שבת. לאַנגער טיש, געל צערונצלטע משניות־בלעטער,
אידן טובלן זיך אין וויסן, און פאַרבאַרגענעס ווערט וואָרער.
דוכט זיך מיר, דער טיש אין שול איז גאָר אַ בריק אַ לאַנגער —
אויף אים נשמות אויפגעלייזטע, שפּאַנען צו אַ וועלט אַ קלאָרער.

שעה פאַר מנחה. פולע פּרוכטבאַרקייט שפּראָצט פון יצחק דאַרסקין,
שפּע, אין די בייטן פון זיין שטערן, אין די ווינקלען פון די ברעמען.
און אָט ווי אַ באַרג אַ פּילפּול, אין שטאָמל וויל עס קלאָר מאַכן מיין טאַטע
פאַרפּלאָנטערט זיך זיין וויסן. אידן שמייכלען, און ער נעמט זיך שעמען.

אויך איך בעל־פּה: — דער זין פון מיינס אַ וואָרט נעמט טונקל ווערן,
און ווי מיין טאַטע אָפּט פאַרשעם איך זיך, מיין אייגן קול צו הערן.

לוי גאָלדבערג

באַלײדיקט

אויף בלאָטיגן וועג ליגן ברעטער,
זיי שפּייען אויף אונזערע טריט.
עס פירט מיך מיין טאַטע צום פעטער,
צום רייכן, איך קען אים נאָך ניט.

געהערט, אַז ניט פון דער סאָכע
לעבט זיך זיין הויז־געזינד זאַט.
אַז ער האָט ב׳עולה׳ט משפחה —
ווייל ער איז געווען, אַדוואָקאַט.

אַז ער האָט פון זיידן גע׳ירשנ׳ט
דורך זיינעם אַ קונציגן שפּיל: —
דעם הויף, מיט די ביימער פון קאַרשן,
צוויי שטיבער, און הויז־חפצים פיל.

ס׳געדיינקט זיך, — אַ וואָך פון בית־עלמן,
אַ היים ברענגט דער טאַטע — אין לייד —
דעם זיידנ׳ס ספרים, אַן אַלמער,
אַ זייגער, מיט וואָג אויף אַ קייט.

נאָר איצטער — איז תחלית אויף שפּעטער —
עס פעלט צו דער שיפּסקאַרטע געלט.
פירט מיך מיין טאַטע צום פעטער —
און אָט, איז דעם רייכנס געצעלט.

אַרויף טרעפּ — ציט אַ גלעקל דער טאַטע,
אים ציטערט זיין אויבערשטע ליפּ.
פון אינוועניג, טראָט פון אַ זאַטן,
נעמט דורך, דער זיבעטער ריפּ.

— דו גאָר ? — און ווער איז דאָס יאָטל ? —
אַ חיה׳שה בייזקייט אין טאָן.
„מיין מוזיניקל״ ! ענטפערט מיין טאַטע,
און כ׳פיל, ווי ער שטעלט מיך אין קאָן.

דער פעטער, מיט גדלות נעמט קנייטשן
דעם שטערן, פון וואַלדיקן קאָפּ
און נעמט ווי אויף חוזק זיך רייצן : —
— אַן הלואה׳לע ? — זאָג איך זיך אָפּ.

און דאָן, אין רגע׳ס פאַרצעריקע,
אין פרייך, פון היץ און פון קעלט —
מיין טאַטע שרייט אויס אין היסטעריקע :
— „כ׳בעט ניט ? כ׳מאָן נאָר מיין געלט״!

— אַ דאָס גאָר ? — אַגומיגער ענטפער
פירט חוזק איבער אונזערע קעפּ.
און ווי אַ געפאַלענעם קעמפער
מיין טאַטן, איך פיר פון די טרעפּ.

לוי גאָלדבערג

ווים...

ווייסקייט איז דער סימבאָל פון אומשולד און טויט.
און היינט, אַז עס האָט געשנייט,
פאַר מיין פענצטער געשנייט,
האָט עס מיך דערמאָנט אָן אַ שטוב, געמאָגערט פון נויט,
און אָן מיין טאַטן,
וואָס איז שוין יאָרן־לאַנג טויט.

און ס'גליטשט זיך מיין זין: —
אַ קריע פון אייז.
קום אָן, און איך בין
אין אַ שטוב, וואָס איז ווייס

פון געגנזענע פעדערן,
קלאָרע ווי קרייד.
זיי פאַלן ווי שנייען,
און שאָרכן ווי זייד.

און ס'שאָפט זיך אַ קופּע.
ווער איז דער מיט! — — — —
מיין טאַטע? — — — — צי שפּינוועבס
אַזאַ פון סאָפּיט? —

ווייסע די ברעמען,
די באָרד, און די הענט,
מיט פראָסט פון די שויבן,
מיט קאַלך, פון די ווענט,

און לאָמפּ אַרום אים
ווי פאַרדעקט מיט אַ טוך,
טיילט אָפּ מיין טאַטע
ביין, פונעם פוך.

— טאַטע ! מיין טאַטע !
רוף איך זיך אָן : —
צו זיין וועט אויף נאַפּט
וואָס ברענט אין דעם קאַן . . .

שווייגט ער, און שניצט זיך
אַ פעדער געניט.
פאַרשט אויף זיין נאַגל
דעם שפּיציגן שניט.

נעצט אים מיט הונגער,
און הערט צי עס קריצט.
אַ ווייסער דער טאַטע
פליקט ער און שניצט.

— טאַטע ! מיין טאַטע !
פרעג איך זיך אָן : —
צו זיין וועט אויף ברויט
פון האָבן צו טאָן ? — — —

— זיין וועט אויף ברויט !
זיין וועט אויף נאַפּט !
דערצו איז דאָ פרייד
אין דעם וואָס מען שאַפט.

— — — — — — —

נאָר ס'איז ניט געוועזן
ווי ער האָט געמיינט.
דער מאַמען אַנטקעגן —
זיין פרייד, האָט געוויינט.

לוי גאָלדבערג

יונגע עפּל

דער פּריצטעס סאָד, איז אין דער מאָמעס רשות.
האָט זי אָוועקגעשטעלט, פאַר דעם רווח׳דיקן געווס —
אין זומערנעכט — צווישן אַלע בוימער —
דעם טאַטן מיינעם פאַר אַ שומר,
און מיך,
פאַר אַ רוח. —
קעגן דעם הישעריק — שקצים אינגלאַך, ווילדע —
ווי פאַר רויב־פייגל, אַ סטראַשידלע.

פון די פּרוכפּערדיקע הויכע עפּל און באַרן־בוימער
די צווייגן הייגגען נידעריק, און נאָכגיביק,
ווי מיט שווערע צירונג.
פון ווינט׳ס, באַרירונג,
צו די אַדערדיקע שטאַמען, די ווערעמדיקע פאַלן צו,
ווי טוים, צוריק וואָלט צוגעקומען, צו זיין אורשפּרונג ערד.
אויף בוימער, מיטלוואוקס געשטעלן —
די זאַנפטע קאַרשן בליען
פול, און פּורפּור רויט
ווי קאַרעלן.
געמערט
אין טונקלן פּורפּור, וואַקסן די ווייַנפּערלאַך, און פלוימען.
מיט זאַפטיגקייט שוימען
די פלאַנצענדיק פאַרזייטע
מאַלינעס, ווי יאַגדעס רויטע.

אויף קוטשעראַווע נידעריקע בוימלאַך —
די אַגרעסן, בלייכע, און גרינע.

אַלץ בליט אין שויץ פון זון : — גאָטס שכינה.

נאָר ווען אין בראַנד
די זון — אַ געלער קירבעס — דערקייקלט זיך צום מעריב ראַנד —
און מיין טאַטע — דער שומר, בענשט דעם באַשעפער
פאַר נאָך אַ טאָג לעבן — אין זיין דאַווענדיקן פרעפל, —
דאַמאָלט, זאַמלט אויף די מאַמע אין איר שויס אַריין
דעם אַראָפּפאַל — צעוואונדיקטע פון ווערים —
און מיך, שטיקן טרערן,
אויפן טויט, פון די יונגע עפּל.

לוי גאָלדבערג

דאָס געפינס

פּאָעמע

א.

אין מזרח זייט, האָט אַ פרילינג טאָג זיך געהעלט
און אַ גאָלדן באַגין,
אויף פעלדיקן גרין
אָנגעזאָגט:
עס טאָגט
מיט שפע.
אין מאַרק, אַ יאַריד־טאָג וועט זיך שטעלן.
און באַלד —
פון דער הינטער־שטאָט, נאָכן וואַלד,
צו דעם לערן שטח ערד, —
ווערט
די גאָס פאַרטומלט
פון אַ „וויאָ" און רעדער־גאַנג;
און ס'ווימלט
מיט פויערים, מיט האָב און גוטס
אויף וועגענער, מיט האַראַפּאַשנע פערד געשפּאַנט,
וואָס ציען זיך נאָכאַנאַנד
ווי אַ פאַרביקע שטענגע,
אויף דער אויפגעוועקטער, צעקנאָטענער ערד.

ב.

אין עליע־ראָכעס שטוב
וואָס איז פון יאַריד אָרט
בלויז אַ קילאָמעטער ווייט,
און דינט כמעט ווי אַ גרענעץ
צו טומלדיקייט,

האט זיך שלאף געוועקט אין די בעטן.
שטילערהייד, —
ווי פון אַ שלאָף־קלייד,
האט זיך אויסגעטאָן פון חלום, זיין ווייב, ראָכע.
אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער
אין גרויען דעמער־צייט,
און צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:
— „זאָל זיין נאָר מיט הצלחה".
געגעסן וואָס אין איילעניש,
און צוגעגרייט פאַרן הויז־געזינד
דעם קאַרגן אָנבייסן אויף שפּעטער.
אַ כאַפּ געטאָן אויף זיך איר זומערדיקע פאַרטשיילע,
און מיט אַ בליק, וואָס האָט דאָס הויז־געזונד געוואָרעמט —
איז זי אַרויס פון טיר,
געאָרעמט
מיט קאָשיקעס צוויי,
וואָגיק אָנגעפילט מיט שאַרפע געטראַנקן אַלערליי.
— „אַ גוטן"!
— „גיי געזונט".
— — — — —
מיט פולער גנאָד
איז די זון אויף שויב געבליבן זיצן.
באַלד איז אויפגעשטאַנען ר' עליע,
דערנאָך דאָס אינגל.
נאָכן דאַווגען, האָט עליע זיך אָוועקגעזעצט שניצן
די ביינדלאַך פון געגנדזענע פעדערן אויף שרייב פּענעס —
אַ פּרנסה אַ ביטערע, כאָטש נעם און פאַרברען עס.

ג.

ווי אַ ציגיינער טאַנץ, מיט גלעקלאַך און פּויקן,
האָט דער יאַריד געליאַרעמט. געשימערירט
אין ליכט
מיט אַלערליי קאָלירן; —
פון ציץ, געוואַנט, און זאַקן,

פערד, און בהמהס, און קאַשיקלאַך געשניצטע,
געפלאָכטן אין פאַרשיידענע סאָרטן,
און אַנדערע אַנטיקן,
ווי אייער, חזיר־פעטס, ליענטעס,
און וואָל אויף צום שטריקן,
בולבעס פון פעלד, און קרייטעכער פון גאָרטן,
הינער, און הענער, גערשטן, און זייפן.

לימענע טעפּ, פאַרצילייענע געפעסן,
הילצערנע צעבערס, פעסלאַך אין רייפן
צו זייערן קרויט, אויף ווינטער צום עסן,
און נאָך, און נאָך, — — — —

פויערים, מיט קאַלטענע בערד ווי מאָך, —
און הענדלער, מיט פנימער פאַרשוויצטע; —
האָבן זיך געאָמפּערט און געדונגען,
דערביי האָבן די דאַליאַנעס הויך געקלונגען,
ווי מען וואָלט געוואָרפן ברעטער, איינע אויף איינע.
— „יעי באָגו ניע מאָגו”, האָט זיך געבעטן דער פויער
ביים קונה.
נאָר דער קונה איז געשטאַנען ביים פויערס פערד
איינגעשפּאַרט ווי אַ מויער,
און מיט רמז׳דיקע הויות
אים געוויזן, ווי צוויי און צוויי איז פיר —
אַז ער איז ניט קיין גביר,
נאָר אַן אָרימער בעל־הגלה,
און אַז זיין מקח איז אַ גערעכטער;
דערביי געשטופּט אין האַנט פון פויער
לאָקערדיקע אַסיגינאַציעס,
וואָס האָט דעם ערל אַריינגעוואָרפן
אין אַ בהלה,
ווי אין אַ הינער־פּלעט,
האָט דער פויער שוין מערער ניט גערעדט.
און אַז צום מזל, איז די געטראַנק־פאַרקויפערן, ראָכע, —
מיט אַ שטים, אַ בעטענדיקער, און ווייכער —

צוגעקומען מיט די צוויי קאַשיקעס פולע,
האָט דער סוחר,
מלא גדולה
פון הצלחה
אַ כאַפּ געטאָן אַ פלעשל פון איר זאַפּאַס,
אַ פּאַטש געטאָן אין דנאָ,
און ווען דער קאָרק האָט אויסגעשאָסן,
דער איבער־קוואַל איז אויפגעזאָדן,
האָט ער עס גלייך צום פויער צוגעטראָגן:
— „נאָ״!
אויך אין זיך, האָט ער ווי זיסן קוואַס
די טערפּטקע ביטערקייט אין האַלדז אַריינגעגאָסן.

ד.

די זון, אין מיטן הימל, היט
און בריט.
דער יאַריד
איז ווי אַ באָד מיט גליענדיקער פּאַרע.
אויף פערדס קעפּ
היינגען עס־טאָרבעס.
זיי עסן דעם זעט
פון דעם סטעפּ.

אַ פויער קוקט שוין דורך דער שטיקענדיקער כמאַרע —
די פיס, וויגן זיך.
די פון שנאַפּס געשוואָלענע ליפּן
מיט זיך אַליין, קריגן זיך.
שעלט אין טאַטענס טאַטן אַריין
דאָס אייגענע לעבן,
וואָס פון זיינע טרויבן יערט ניט קיין ווייַן;
וואָס פון זיינע קאָרן — וואַקסט ניט קיין ברויט.

און וואָס די פּריצים שינדן די הויט
פון קאַרגן גערעטעניש, וואָס ער ברענגט אויפן יאַריד.
די פּויערטע זיצט אויף איר ליידיגן וואָגן,
ווי זי וואָלט דאָס לעצטע געהיט.
און אין איר שויס אַריין, ווי פון אַ תוכחה —
פאַלן אַריין אַלע זיינע קלאָגן.
ער טראָגט זיך אָפּ.
אויף וואָס וועט ער וואַרטן? צו וואָס? — — —
און ער איז ניט איינער.
אַמאָל איז ער בלויז אַ קליינער
רינג, פון אַ קייט, אינדערמיטן.

דער יאַריד ווערט שיטערלאַך
ווי אַ פעלד, פון וועמען מען האָט פאַסן זאַנגען אָבגעשניטן.
עס ליגן
אַנגעוואָרפן ברוכוואַרג פון גלאָז,
שערבלאַך פון געפעסן,
ביינדלאַך פון געקעכץ.
אַ בלינדער שפּילט אויף אַ קאַטערינקע אַ ניגון: —
און מיט אַ בעטלער־ליד מאָנט ער
אַז אויך ער, וויל עסן.

ה.

ראַבעס קאַשיקעס ווערן אָן די וואָגיקע משא.
אויף זייערע דעקן ליגן גראָם נאָך איניקע פלאַשן.
און כאַטש דאָס קופּער און דאָס זילבער פון איר לייזונג
קלינגט שווער (אין טאַרבעלע) בײַ אירע פיס,
פעלט נאָך אַלץ דער רווח אין אירע טאַשן, —
וואָס דאַרף דעקן מיט ברויט איר טיש.
מיט געוואַנט, די לייבער פון איר הויז־געזינד.

טאַפּטשען נאָך אירע קאַמאַשן
אין אַ בלאָטיגער נעץ
אַרום פּויערים, פערד, און בהמה׳ס,
און אַרום אַ פאַרשכור׳טער פאַרבליבענקייט,
וואָס דאַרף באַלד אָפּפאָרן
אין פרעמדע מקומות.
זי שטייט ביים זייט
פון יעדן לעצטן מסחר,
וואו מען דינגט זיך אויף די פינגער.
נאָר די לעצטע פלאַשן ליגן אין די קאַשיקעס
און די משא ווערט קוים גרינגער.

ו.

נאָר אַט שווימט אויף די לעגענדע
פון טויזנט יאָר אַלט: —
אליהו הנביא באַווייזט זיך,
נאָר ניט אין דעם געשטאַלט
פון אַ בעטלער, צי אַ פּויער ביים פערד,
נאָר אין אַ פאַרבונדן בייטעלע, אַ פאַרלוירנס,
וואָס וויינט אַ צעטראָטנס
אין דער בלאָטיקער ערד
נאָך יענעם, וואָס האָט עס אָנגעוואָרן.
ווי קען וויינען אַ בייטעלע וואָס איז שטום ?
ראָכע, האָט עס דערפילט אין איר גאַנצן אַרום
ווי נאָר די פיס אירע, האָבן זיך צו דעם צוגעטראָגן.
זי הייבט עס אויף,
און כאַטש דאָס בייטעלע שוויגט אין אירע הענט.
דערפילט זי דערביי דעם פּיין,
דעם מיטגעפיל, צו דעם וואָס האָט עס אָנגעוואָרן.
נאָר דאָ גייט אויף

א נסיון אין איר גוף,
וואָס זי האָט עס ניט געקענט גובר זיין.

ז.

אין עליעס שטוב איז דער פאַרנאַכט שוין געזעסן אויפן טיש,
און מיט'ן לעצטן טאָג־ליכט
געבלענדט די גענזענע שרייב פּענעס,
און די פאַרטיפטקייט פון זיין געזיכט.
דער אייגענער פלאַם
האָט אויך איינגעהילט דאָס אינגל,
און די ליכטיקייט האָט אים ארומגענומען ווי א ראַם.
מיט אַמאָל איז אין דער רואיגקייט אריין א קליפּה.
עס גיט זיך אימפּעדיק די פיר־הויז טיר א סקריפּע,
עס באַווייזט זיך א פאַרטשיילע,
דערנאָך ראָכע.
ביים שוועל, רייסן זיך פון אירע הענט
אראָפּ די קאָשיקעס.
זי איילט צום טיש
און מיט פינגער־ציטערניש
ווערט א בייטעלע געעפנט.
דער מוח גיט זיך איר א מיש.
עס ווערט איר זעאונג שיכור.
און פאַר'ן אינגל, ווי צוקערקעס ביים רבינס טיש,
פון איבער זיין קאָפּ —
פאַלן און קלינגען אראָפּ
ווייסע רונדע, זילבער שטיקער,
וואָס ווי אין חלום ציילט זי עליע
ביז דער סומע
פּ ו פ צ י ק.

ווי געליימט שטייט ראָכע שטיף, א שטומע.
אויך פון עליע'ן האָט זיך דאָס לשון אפּגעטראָגן.

דאָס אינגל בלויז, פון פרייד האָט הויך געפּלאַפּלט.
ראָכעס פּנים האָט זיך איינגעהילט אין שאָטן;
ווי פאַר אַ משפּט
האָט דער נסיון זיך באַ איר אין אויג געצאַפּלט.
זי האָט דערהערט אַ שלוכצענדיק געוויין.

און דערזען
ווי ס'ווערט פון דעם פאַרלוסט, אַ מענטש געררירט פון זינען.
און ווען איר אויג פאַרדעקט זיך מיט אַ הייטל
פון פרומער זעליגקייט,
וואַרפט זי דאָס געלט צוריק אַריין אין בייטל,
און ווי אירע ליפּן, מיט באַשלוס —
פאַרציט זי דאָס העלזעלע מיט דעם צי־שנור,
און לאָזט זיך צוריק צום יאַריד־וועג,
צום אָרט פון איר געפינס.

ח.

שקיעה טרייבט די זון אַראָפּ מיט כשוף,
דער יאַריד, איז גראָם, ווי אַ נאָר־וואָס אויפגעבויטער ישוב.
דאָ, און דאָרט, ווי אַ שטיבעלע — אַ פור.
דער טומל, אָפּגעשטאָרבן. — שאַ און שטיל.
נאָר ווי אַ גורל־רעדל, וואָס דאַרף זיך אָפּשטעלןביים ציל,
דרייט זיך ראָכע אַרום אין אַ פאַרווירטקייט
צווישן לעצטן וואָגן און פויער.
און ווי אַ שפּיר־הונט, שמעקט זי מיט איר אויער
אַ יעדן מינדעסטן שפּור.

שאַ און שטיל איז ווי אַלע מאָל דער סוף־יאַריד.
אין דער גרויער אַרומיקער לערקייט שפּיצט זיך
דער שטאָטישער קלויסטער, פון צאַמען געהיט.
נאָר קיין גלח, זעט מען ניט.

קיין קול, באַקלאָגט זיך ניט.
פון אַ מענטש, אַ יאָמער דערטראָגט זיך ניט.
ווי קיינער וואָלט געזען.
ווי גאָרניט וואָלט געשען.

— — — — — — — — — — — —

אין יענעם אָוונט האָט זיך דעם אינגל גע׳חלומ׳ט:
אַז אַ וואַכעדיק, און פרעמדער איד,
מיט אַ ווייסער באָרד, פון אַ פרעמדן לאַנד,
איז געקומען צופאָרן אויף אַ יאַריד
איינצוהאַנדלען מציאות,
און אַן קיינע פּניות,
אַ יעדערן באַגליקט.
און ווען דער טאָג האָט אָפּגעצערט,
האָט זיך גענומען הייבן אַ שטויב פון דער ערד,
צו פאַרשטעלן זיין וועג צום הימל, און די גילדערנע פערד...

ט.

נאָר זינט דעם געפינס, פון דאַמאָלט אָן —
האָט זיך פון עליע ראַכעס שטוב דאָס מזל אָפּגעטאָן.
גאָט, האָט ראַכען אומרחמנות׳דיק באַשטראָפט: —
פון פאַרטאָן דעם געפינס, און פאַרנוצן דאָס געלט.
איז פאַרטונקלט פאַר ראַכען געוואָרן די וועלט.

אין די מיטן־נעכט
האָט זי אין איר זינען
געוויינען געהערט,
ווי ביים בייטעלע געפינען.
איר גוף איז געוואָרן דין, און מיד,
די קאַשיקעס, שווערער אין זייער וואָג.

— — — — — — — — — — — —

און דאָס אינגל, קלאָגט נאָך אַלץ אויף דעם געפינס.
ווען ער דערמאָנט זיך, אַן יענעם גליק־אומגליקלאַכן טאָג.

דערמאָנונג

מיט אַ געגנזעגנער פּענע, אין ליבשאַפט פאַרטיפט —
שרייבט מיין טאַטע אָן אַפיר, מיט געצירקלטער שריפט,
פאַר אַ קינד, וואָס שטייט מיט זיין מאַמען פאַרשעמט.
זי זאַפט איין דעם ציטער, וואָס זיין הערצל באַנעמט.

ס'איז אָוונט. און אַ לאָמפּ אויף אַ טישעלע, פלאַך,
שפרייט גאָלד אויף געווירעטע אותיות אַ סך,
געצערטלט געניט פון זיין רואיקער האַנט.
אַן אַלף, אַ בית, און אַזוי באַכאַנאַנד.

זאָגט אינגעלעס מאַמע: — „יעדער אות איז מיט שיין,
זאָל דאָס פאַר מיין קינד אַ וועג־ווייזער זיין!"
פאַרשט מיין טאַטע זיי דורך, און ענטפערט אַגב —
אַז דאָס מאָל איז גאָרניט געראָטן זיין כתב.

פאַרלויפט זי מיט ציטער, — „אַ גאָט איז מיט אייך!
ס'איז שיין, און הייליק — מיט דער תורה צוגלייך".
אַן ענו דער טאַטע, ער טראַכט ניט דערפון.
און גלעט ליב דאָס קעפּל פון יונגעגנקן זון.

— „דער אַלף בית, דערוויל איז אַ נאַדעראַף,
זאָלסט וואַקסן און ווערן באַ אידן אַ רב".
אַ טרער באַ דער פרוי האָט אַרויסגעקוועלט,
זי באַצאָלט אַ צווייער, אין קופער־געלט.

זי נעמט ווי אַ סגולה דעם ליבן אַפיר —
און „אַ גוטע־נאַכט" איר קינד זאָגט ביים טיר.
פּאַוזע, — און אַ רעיון דעם טאַטן באַקליידט.
די מטבעה — דער צדקה־פּושקע דערפרייט...

און מיין מאַמע, וואָס שטייט אָן אַ זייט, פאַרקלערט,
האָט פרום אויף מיין שטערן אַראָפּגעטרערט.

הערט, ווי איך פאַר׳מסר

איך לערן זיך, אויף משך, ביי דעם בוכבינדער אַברהמ׳ן
פיר יאָר פאַר פופציק רובל. אַזוי האָט אָפּגערעדט מיין טאַטע.
איך ציטער ביי דעם וואַרשטאַט ווען איך הער, ער רופט מיין נאָמען
ווייל איך זע, ווי שטענדיק אומצופרידן ער רודף׳ט אויף די יאַטן.

איך ציטער פאַר אַברהמ׳ן, ווייל אַזאַ פאַרשאַרפטע מינע
האָב איך ניט געזען אין שטוב ביי מיר, און ניט ביי מיינע שכנים.
זיינע אויגן, דורך די ברילן, פלעגן שפּיזלען — האָגלדיקע שנאה
אויף יעדערן, ווען אַ פּגימה אויף אַ בוך ער האָט אָבגעזוכט ביי איינעם.

דערצו האָט ער געהאַט אַ טבע, אַרויסצורופן פון קיך זיין בריינע,
און צו איר נאָז דאָס בוך מיט דער פּגימה אונטערטראָגן.
פלעגט זי זאָגן: — „מיינע שנאים”. און דערנאָך אויף שלום נעמען טענה׳ן,
נאָר ער, אַ צע׳כעס׳דיקער מיט׳ן שטעקן פלעגט שלאָגן אַן פּאַדלאָגע.

פאַרטאָג האָט ביים טיר, די פּאַמויניצע מיט איר זויערקייט און עיפּוש
מיך אָפּגעוואַרט. כ׳פלעג זי אָנעמען ביי די אויערן, ווי אַ ראַץ אַ טויטע.
זיך אָנגעטראָפן מיט אַברהמ׳ן, האָט ער מיך אָנגערופן „טפש” !
און מיט רוגזה מיך אָוועקגעשיקט וואָס איינקויפן אין קלייטל.

די שפּעטע אָונטן פון שווערע לאַנגע ווינטער שעה׳ן. — דער קאַרגער עסן
האָט מיט פיינונגען געגריזשעט מיינע איינגעצערטע גערערים.
כ׳האָב געניט די ביכער, און אין דערשלאָגנקייט פאַרגעסן
די רעכנונג פון טעג, וואָס פאַר מיר זיינען זיי געוועזן — פּויזנדיקע ווערים.

איין טרייסט האָט מיך געמוטיקט, — ווי ס׳האָט אָבגערעדט דער טאַטע : —
צושווימען צו אַ יום טוב, אַרויסקריגן פון אים דאָס צוגעזאָגטע נאָדעראָפּל.
ער פלעגט זיך ערב יום טוב אויסבאַהאַלטן, אָדער מאַכן זיך גאָר תמ׳עוואַטע
און פלעגט אָפּמעקן זיין צוזאָג, ווי קרייד מען מעקט אָפּ פון אַ טאָפל.

ניגון אין ווינט

א פארלוירענער ביז שטארבן, בין איך דאן צום טאטן צוגעלאפן,
(ער האט געהאנדלט אויף דער זעלבער גאס, מיט די גראשענע אנטיקן),
— טאטע! טאטע! — און אין מיינע אויגן זיינען טרערן אנגעלאפן —
אין זיינע טרייסט ווערטער האט זיך זיין קול גענומען שטיקן.

און ווידער ביי דעם ווארשטאט. איין יום טוב מעקט דעם צווייטן,
מיר פעלט נאך צו דערגאנצן משך — א יאר מיט זעקס חדשים.
מען רופט מיך קיין אמעריקע, איך נעם אין וועג זיך גרייטן.
מיר פעלט אויס מוט, צו זאגן דאס, מיין באלעבאס, דעם רשע.

און איך ווייס ניט ווי אזוי, ממש נס. — ס'האבן זיך אנגעזאמלט
אלע עולה'ס אין א קנויל און אין האלדז דערשטיקט צו ווערן.
בין איך צו צום באלעבאס, און שטיל האב איך ארויסגעשטאמלט:
— איך פאר אוועק, מעבר לים, זיך קיינמאל מער צוריק צו קערן.

א וויל פארווירט, גולמ'איש. שווער דאס צו בארעכענען,
נאר באלד האט דורך די ברילן זיינע א פארביסנקייט גענומען רעגענען.
און מיט דעם שטעקן אין זיין ציטערדיקער האנט, און מיט א דעכענען
איז ער פון טיר ארויסגעלאפן, מיין טאטן אויף דער גאס באגעגענען.

א דערשראקענער האב איך נאכגעפאלגט זיין שאטן. און פון די רייד דערהערטע
האט געגומען מערער נאך מיין אנגעווייטאגט הארץ צו ביטערן.
איך האב געזען: ווי קעגן אים הכנה'דיק, מיט אויגן איינגעטרערטע —
האט מיין טאטע, ווי אברהמ'ס שטעקן, שטארק גענומען ציטערן.

לוי גאָלדבערג

שקצים — שוסטערלאַך

זייערע גלאַנציקע שטיוול האָבן קיינמאָל ניט געפּורעמט גלייכע טריט,
ווי ס׳איז קיינמאָל ניט געזעסן גלייך אויף זייערע קעפּ
די שפּיגלדיקע דאַשיקעס פון זייערע שוואַרצע היט.
פון זייערע מיילער האָט זיך נאָכגעשלעפּט מיט טערפּטיקן גערוך
פון זידל־רייד, דער שלעפּ —
צו אונז דער פלוך.
אָפּט אין מורא, (ווען ס׳האָט געשאָקלט זיך אידיש באַדן),
האָבן מיר געהערט, ווי זייערע פינגער באַראַבאַנעווען —
צו אַ מהומה, — אויף אונזערע לאַדן.

ווי רוחות, פלעגן זיי אויפטויכן אין אַ שוואַרצער חאָגע־טעג.
ניט זעענדיק זיי, האָט מען געאָנט, אַז זיי זיינען דאָ.

„די שוסטערלאַך״ !
אַ נאָמען, אָנגעקנופּט מיט פאַרגוואַלד.
מענטשן, אויסגעקליידט אין שוואַרצן
ווי אויסטערלישע זשוקעס.
זייערע היימען האָט מען געדאַכט, גרענעצט זיך מיט וואַלד.
וואו ? — האָט קיינער ניט געוואוסט.
נאָר אַז נאָענט זיינען זיי, ווי אַ שפּיז צום האַרצן
האָט מען דערפילט דורך זייערע נקמה־שטוקעס.

לעדער אַפּפאַל, טשוועקלאַך־הילצערנע,
און מיסט פון זייערע שטיבער,
פלעגן זיי ווי נאַכט־שדים, אַנטראָגן אין אונזערע הויפן.
אַזוי, אַז ס׳פלעגן זיך בערגלאַך אויפהויבן אויפן אָרט פון גריבער.
קיינער האָט ניט געזען אויף וואָס פאַר אַן אופן,
ווי ? און פון וואַנען ?

נאָר אַז אין פרימאָרגן־שעה
איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף מיין מאַמע,
און דערזעענדיק דעם אָפּפאַל ביי איר שוועל
האָט זי טיף געזיפצט, און געוויינט באַהאַלטן אין איר קעהל.
פאַר מיר איז קלאָר געווען אַזאַ מין בילד:
„די שוסטערלאַך", זיי זיינען ווילד,
און אידיש „האָב און גוטס", איז זייער „פאַמאַינע יאַמע".

דאָס בילד פאַר מיר צעוואַקסט זיך איצטער בולט'ער, און גרעסער:
„די שוסטערלאַך"!
פון זייער שורש האָט אַרויסגעשפּראָצט פאַר אונז דער סם,
וואָס גיט דעם מערדער־כאַם
אַנהאַלט, מיט דעם שפּיז, און מעסער.

לוי גאָלדבערג

די הויז וואָס איז שוין מער ניטאָ

א.

ווי צו מענטשן קורץ געוויקסיקע, די אויסטערלישקייט וואָס אַ הויך געוויקסיק מענטש פאַרנעמט,
איז געווען אין מיין אָר׳מער גאַס צווישן הייזער נידעריקע, דאָס אַלטע הויכע טענעמענט:
דאָס זעקס גאָרענדיקע, וואָס האָט אין דער ערד אַריינגעזעצט אַ טוכלע עסען־קראַם,
פון וועמענס אָפּפאַל — די בלודנע קעץ פון גאַס, פלעגן ציען שפּייז, ווי פון אַ שוואָם.
פון גאַס צום הויז אַ טרעפּ־אַרויפיקער אַריינגאַנג. — צעגריזשעטע פון טריט
ביזן דאַך אַרויף, זיינען מולטערדיק געווען די טרעפּ. — אין קאָרידאָרס אינווייניגסטער מיט: —
אַ שמאָלער דורך־גאַנג צווישן הויכע ווענט, אין יעדער וואַנט אַ טיר,
נומערירט: איינס, און צוויי, פאַרענדיגט זיך מיט צוויי־טירנדיקער קעגן־וואַנט: דריי, און פיר.
איז געגאַנגען ווער, איז עס געווען ס׳אייגענע ווי ס׳גייט די פלינקע מוראַשקע אין איר ספינקס
מיט אַ גלייכע ליניע, נאָר אַז דערזעט אַ צאַם, פאַרנעמט זי זיך גלייך אויף לינקס.
און די טרעפּ פון הויז זיינען נאָכגיביק געווען. געהויבן זיך אין זיג־זאַגן פאַר יעדערנס שפּאַציר,
פון ערשטן גאָרנס לעצטן נומער פיר, ביזן העכסטן גאָרנס לעצטן נומער צוואַנציק פיר.

ב.

ביי דער קופּע ברוכוואַרג: ציגל, אייזן, האָלץ, און ביי דער גרוב וואָס איז נאָך דאָ. —
טויכט אויף פאַר מיר אַ זונטיקס ליכטיקער פאַרטאָג, פון שבת־נאַכט, די פערטע שעה.
ס׳טונקלען קליינע גאַז־וואַנט לעמפּעלאַך, און אין טומאַן, ווי צווישן פייערלאַך אין אַ טאָל —
קעץ פאַרשמייעטע זינגען סערענאַדעס צו זייערע געליבטע אויף אַ וויינענדיקן קול.
און ווען דערהערנדיק דעם אָפּשטעל רוף צום פערד, פון מילך־מאַן, ווערט צווישן זיי אַ רעש,
זיי צעלויפן זיך דערשראָקענע — ווי פאַר אַ שרפה — דורכ׳ן טיר, צום הינטער גאַס,
ס׳איז האָפּערדיק דער מילך־מאַן, אין מויל אַ ליד. — אין זיינע טריט הילכיקע קלעפּ.
מיט יונגקייט, און געאיבטקייט שפּרינגען זיי אַריבער די צווייענדיקע טרעפּ,
און וואו ער שטעלט זיך אָפּ, איז ביי אַלע טירן וואַקסן אין די רייען אויס
די ווייסע רונדע מילך־פלאַשן, ווי דיקע יום־טוב־ליכט די גרויס.
ער שפּאַנט פון נומער איינס, צום נומער צוואַנציק פיר. ביז זיין קאָשיקל ווערט לער,
און שרייבט די חובות אין אַ ביכעלע, פון וועמען ווייניקער, פון וועמען מער.

ג.

ער פאַרשווינדט. נורעט ווידער זיך די שלאָפּענדיקע שטילקייט אין דעם קאָרידאָר.
אַז ער־קאָץ פאַרשט די ליידיגקייט און רופט צום ליבן, זיינע קעץ, און דעם קאַיאָר.
נאָר באַלד צעוויגט זיך ווידער שוין די דרויסן טיר. און אויף די קעציש נע־ונד׳נעם בראָך
קומט אָן, אין שבת׳דיקע קליידונג, אַ בחור מיט אַ מיידל. — זיי לאַכן הויך אין דעם קאָך
פון קעצישער צעטומלטקייט. אַ רגע, און אַ שווייגעניש, זינגט אין יונגער ליידנשאַפט:
— טייערע! מיין טייערע! — און ווי טראַנספּאַרירטע בלום עס נעֶרט זיי, ליפּן־זאַפט.
מיט מאַמעשער צופרידנקיים הערט די שטילקייט אויס די הייסע ליבעס־רייד
און בויערט אויס פאַר זיי אַ נישע. — רייד ציטערן אין ליבעס־פרייד.
חלום רירט אָן וואָר... נאַכט גייט אָפּ... מיט פאַרטאָג די גאַז־לעמפּעלאַך שלאָפן איין...
מיט די מילך־פלעשער — דער זונטיק־מאָרגן — אין אַלע טירן קומט אַריין.

ביי דער קופּע ברוכוואַרג: ציגל, אייזן, האָלץ, און ביי דער גרוב וואָס איז נאָך דאָ —
שטיי איך ווי פאַר אַ קבר פון אַ צייט, וואָס איז פאַר מיר שוין מער ניטאָ.

לוי גאָלדבערג

בולוואַרן אין אַ זומערדיקן זונטיק

1

אין פורם פון ראָגיקע סקווערן,
בליען דאָ וואַלד־ווילדענישן — רעשטלעך פון אַמאָל.
איבער רייענדיקע בענק, — אין זומער ווינט —
בוימער שושקען זיך מיט סוד אין זייער קול:
און ס׳הערן, —
מיט זיטן, מינעס, און געלעכטער, —
מאַמעס, קינדער, זקנים, און האָפערדיקע טעכטער
אַ געזאַנג, פון זומער־זונטיק־רו.
פון שאָטן־שירעמס, — אַ קילקייט
דעקט אַלעמען צו.

2

אין מינענדיקן ליכט און פאַרב, פון גערטנער, הייזער,
אויף לינקס, און רעכטס,
ווי שטילע טייכן צוויי, שטומען די איינזייט־דורכפאָר וועגן
נאָר אויפן ברייטן אַספאַלט־טאָפל אינדערמיט,
פון זון צעגליט —
ווירעווען, אַהין, און צוריק,
די אויטאָס, אונזעבאַרע ליניעס, — לויפנדיק.
ליכט, פון רויט, און גרין,
דיקטירן זייער לויף.
שטום, באַפעלענד, איז זייער לשון.
פון מענטשן אויף די בענק — נאָך אויטאָס געיעג —
אַ קייקלענדיקער פאַרלאַנג, מאַניעט צום וועג.
מיידעלשע אויגן האָרן מיט קוועקזילבערדיקע רעגונגען:
— „קום נעם, שלעפ”!
ס׳איז אומרו פון זייגערס, די באַוועגונגען
פון זייערע קעפ.

3

אויף די זייט־וועגן, פון ווייכער ערד,
טראָגט דער טאָג אויך צו

גאלאנטע רו
אַ רייטענדע אויף פערד.
אַן ער, — הער,
באַגלייט די ליידי — זי.
איר בולט׳ע רונדיקייט
ווי אַ פאַרגרעסערטע פילקע — אויף און אַפּ,
שפּילט זיך אויפן פערדישן רוקן.
דער ער, איז גאַלאַנט,
און מיט׳ן בייטשל אין זיין האַנט —
רייטענדיק נאָך איר
האַלט זיך אין איין בוקן...
(זיין אויג, טוט אויס מסתמא
אַ נאַקעטע זיין ציר.)
די פערד־קלאָען גראָבן די ערד: — מאַכט אַ וואַרע!
דורך די נאָז־לעכער בלאָזן זיי הנאה׳דיקע פּאַרע.
דורכגייער, נייגעריק קוקן.

4

רייד, ווערן אָפּן,
ווען זונטיק־טאָג לאָזט אַראָפּ די ברעמען.
מקיומדיק האָפן
גייט אויף אין דער שעה פון בענקען.
מאַמעס פירן קינדער שלאָפן.
אויטאָס מיט ראַקעטן־אויגן, נישטערן.
זקנים, מיט אַרויפגעשאַרטע קעפּ אויף בענק־פּאַרענטשן
דענקן.

5

אויפן לאַנגן גרויען טאָפּל,
אַראָפּ
פון הויכע אונזעבאַרע טרעפּ —
אין פאַנטאָפּל —
קומט אַן די נאַכט.
זי טראָגט אַ זומער־קלייד מיט גילדערנע קנעפּ.

לוי גאָלדבערג

MOUNT WASHINGTON

בעטלהעם, ניו־העמשער

אימפרעסיע

דער ריזן־באַרג
איז גאָטס גרויסע ווערק, אויף ערדס געשטאַלט.
ווילדעוועט אויף אים דער שטן־האַרבסט פון ווילדן וואַלד.

אויף זיין ריזן־גוף,
ביזן קאַרק אַרויף
ווידמענען זיך בוימער, פלאַנצן,
פון כלערליי מינים און געוויקסן.
פאַר אויסדויער, און קראַפט,
זויגן זיי
דורך קילע קוואַלן־רערן —
דעם זאַפט,
וואָס הויערט אין די דינע אָדערן
פון די אור־אַלטע ריזן־שטיינער —
זיינע ביינער —
זיי גלאַנצן
דורך שליאַם, און שימל —
קעגן זון, לבנה, און שטערן —
די אייביקע איינוואוינער פון הימל.

אויף זיין לייב, שפּרייזן טראַט, ביי טראַט,
די זקנים־בוימער, עולי רגל זיין צו גאָט.
אָנגעטאָן אין קאָרע־קליידער פון בעריאָזע,
ווי כהנים אין טליתים.

שפּאַנען זיי, אין אָנגעבויגענער פּאָזע.
נאָר דער וועג אַרויף צו „אים" איז ווייט.
און אייביק, איז די צייט.
דערפאַר זיינען די בוימער־מתים
מיט וואונדן, פון די וואָרצלען ריסן.
ס'איז אַזוי באַשערט, אַז וועג אַרויף זאָל זיין אַ ביטערער.

און העכער, דורך די דערנער וועגן,
די בוימער־עדה, ווערט אַלץ שיטערער.

אין די ערב־נעכט האָט איבער אים דער שטן שליטה.
מיט זיין טאָרנאַדע סוויטע,
פליקט ער צווייגן, און געוויקסן,
שמייסט מיט זאַמד־בייטשן זיין פּלייצע.
און זיין לייב איז פול מיט קנייטשן,
און אַ זייט, איז אויפגעריסן.
ווערים האָבן לאַנג שוין איינגעביסן
זיינע שטיינערנע געדערים.
אין די וואונדן, פלאַדיען זיך מחבלים.
שטנ׳ס פינגער — שטעכער — גראַבלען —
האָבן אויסגעפליקט שוין די געוויקסן פון זיין קאָפּ.
זיין סקאַלפּ איז טרוקן,
ווי ס׳וואָלט אויף אים גאָטס רעגן ניט אַראָפּ.

זיין עלטער ציילט זיך שוין אין יאָרן מיליאָנען.
ער איז איינגעוואַקסן, און אויסגעפורעמט.
איבער אים, דער הימל טורעמט
מיט די פאַנטאַסטישע באַלאָנען —
די וואָלקנס קאַראַוואַנען.
ס׳וואָלט געוועז אים גוט צו רוען דאָ, און פון זיין גרויסקייט אַנען,
נאָר עס שטערט די רו, דער שטן, דער פאַרשייטער.
ער איז רייטער
אוראַגאַן:
מיט זיינע ווינטן אין געשפאַן,
זוכט ער אויפוועקן אין אים דעם רעיון צו סכנה.
ער לעשט אויס איבער אים די שטערן.
פאַרדרייט דעם קנויט פון דער לבנה.
און ציט אַרויף דעם נעפּל אויף דער זון.

און ווייל פון גאָט געפורעמט אויף זיין ערד צו בלייבן —
קומט זון מיט אַלע מאָרגנס דעם שטן צו פאַרטרייבן.

אַ חתונה

(נחמיה קליינ׳ן)

אין אַ זאַל, פון אַ גאַס אַ פּאַריאַכטער,
אין אַ ניו־יאָרקער שבת צונאַכט,
האָט אַ אידישער דיכטער, זיין טאָכטער
מיט מזל חתונה געמאַכט.

לויכט דער זאַל דורך קרישטאָלענע ליכטער,
און בליצט אויף געלאַדענע געסט,
און אויף חתן כלה׳ס געזיכטער —
גליק, בויט דעם וואַרעמסטן נעסט.

און דער עולם, אַן איבעריקע כוסה
טרינקט, מען ווינשט גליק פאַר׳ן כלל,
ביז אַ קאַפּעליע, — אַ רומבאַ, אַ הייסע
שפּילט אויף, און ס׳צעטאַנצט זיך דער זאַל.

נאָר אין פראַק, און געבליאַקטן צילענדער,
אין אַ ווינקל, ווי אַ מאַנעקין —
שטייט דער דיכטער, ס׳פּנים פאַרענדערט, —
איז דאָס פון זיין שמחה דער זין ? — — — —

אים דוכט זיך : באַזויפענע סוחרים
פאַרווילן אַן אוונט דאָ פרעך,
אַן אַכסניא מיט פרעמדע אורחים
וואָס הוליען ווי שדים דורך נעכט.

זיין אידיש. — די פליט וואָס ער טוליעט
צום מויל, און ניגונ׳ט מיט ליד : —
דאָ ווערט עס גויאיש פאַרהוליעט —
דעם נאָכקלאַנג הערט מען דאָ ניט.

ער מיט זיך זיין טרויער פאַרשטיקן,
און גיט, ווי אין אַ מאַסקע, אַ לאַך :
— מיין ליד ? צי האָט עס אַ תיקון ? —
מיין אידיש, צו איז דאָס אַ שפּראַך ?

און ווייטער די דזשעזיק בהלה
צווישן פידל, פּלייט, און באַראַבאַן.
ביז ס׳כשופט די חופּה־מאַרש סאָלאָ,
און חוה גייט נעמען איר מאַן.

דער טיוליקער שלייער זיך פּעכערט
אין גאַנג נאָכן זופּ פונם וויין.
און הרי־את קול זיך צעהעכערט
נאָך אַ קול, ווי דער חתן שטימט איין.

און דער מסדר קידושין זיין דרשה
אויף גויאיש די כתובה פאַרטייטשט : —
דער דיכטער פון אידישן לשון
דערפילט דאָ די שמיץ פונם בייטש.

זיין לשון : — די פּלייט וואָס ער טוליעט
צום מויל, און ניגונ׳ט מיט ליד,
וואָס ער האָט אין נאַכט־שעה געלוליעט
און ווי אַן עופהלע ליב עס געהיט.

עס פריידט זיך און ברעכט זיך צוזאַמען
זיין האַרץ, וואָס דערלעבט האָט די פרייד.
מען קושט זיך, מען ווינשט טאַטע־מאַמען
„מזל טוב״. און דער עסן איז גרייט.

כל טוב אויף די ווייס־רונדע טישן,
געטראַנק, און געבראָטנס, ביז טאָרט.
נאָר יעדער באַוועג טוט פאַרווישן
דעם שפּור פונם אידישן וואָרט.

ער מיט זיך זיין טרויער פאַרשטיקן
און גיט ווי אין מאַסקע אַ לאַך:
— מיין ליד? — צו האָט עס אַ תיקון?
מיין אידיש, צי איז דאָס אַ שפּראַך? —
— — — — — — — — — — — —
און ווען אין זיין היים, אויף געלעגער,
דער שלאָף וויל ניט שליסן זיין ברעם,
זעט ער — געשלאָגן פון שלעגער
גייט אידיש, אויף קידוש השם.

אידיליע

ס׳איז אַ געבענטשטע שטוב וואו די אַלטע מאַמעלע איז אַלעמאָל אַ פאַרנומענע.
איר לעבן חשבונט זי מיט די געשעענישן פון אירע טעג צעשוואומענע.
און ווי אַ נביא׳טע וויסט זי אַקוראַט דאָס שטילע שלאָגן
פון מזרחס רויטן זייגער: — שעה, ווען טאָג נעמט טאָגן.
די ערשטע איז זי — אירע נעגל מיט פרישן וואַסער אָבצוגיסן,
און מיט אַ וואונש אויף לאַנגן לעבן, דאָס שלאָפענדיקע הויז באַגריסן.
באַלד נעמט זי זאָרגן פאַר׳ן פרישטאָג, און פאַר׳ן נאָכמיטאָג עסן
און פאַר דער וועטשערע, ווען ס׳איז דער פולער טיש מיט הויז־געזונד באַזעסן.
אין קיך איז זי אַ כעמיקערן: — גריבנסן, אין צושיידטע גרופּן
זי מישט צענויף, און קריגט אַרויס פון דעם, באַ׳טעמ׳טע זופּן.
די פיש, און פלייש, געווירצט זי צו די רייצנדע געשמאַקן,
טייגעכצן, טאָרט, און קיכלאַך, דאָס האָט זי ליב צו באַקן.
ווער רעדט נאָך, ווען אַ שמחה ביי אַן אייניקל דאַרף קומען —
האַלט זי די גאַנצע וועלט אַרום איר גוטער האַרץ אַרומגענומען.
אָט דאַמאָלט איז זי אַ טייבעלע, און עסן עסט זי שטייענדיק.
אָט דאַמאָלסט איז זי אַ שרעטעלע, אַ דרימל כאַפּט זי גייענדיק.

לוי גאָלדבערג

אין אַ פרעמדער ראָם

ביי קינדער צוגאַסט קומט ער אויסגעפּוצט
אין פרעמדן לשון,
וואָס ער באַנוצט
מיט פּליסיקער געאיבטקייט ווי אַ הי געבאָרענער.
צווישן אייניקלאַך, אויך ניט קיין פאַרלאָרענער:
אין אַלע שפּילן זייערע — אַלזייטיק,
ווי צום וואונדער ממש — היינט־צייטיק.
נאָר איצט, איז קאָנטיק
אַ גרויס ענדערונג, אין מאַיאָנטיק
פון זיין אויפגערודערט פאַרגעסן אידיש האַרץ.

ביי אַ טאָכטער צו גאַסט,
אין אַ פלוש־געדעקטן־שאָקל שטול, איינגעפּאַסט,
(אויך צום חידוש
פון דעם הינטעלע, וואָס איז קליין, און האָריק שוואַרץ,)
לייענט ער פאַר זיין טאָכטער אַ בריוו אין אידיש
פון איר שוויגער,
פון זיין היים־שטאָט: ריגע.
... און ס׳ציגדט זיך אָן אין אים דער פונק
פון אידישקייט, וואָס האָט זיך
צוליב געלט פאַרווירונג
לאַנג זיך אויסגעלאָשן.
זיין אויסזען ווערט אַ זעלטענע פּאַסירונג.
ער קריגט צוריק זיין נאָמען.
ווי ווייטע שוועסטער־קינדער
דערקענען זיך אויף זיין צונג
שפּריכווערטער, און אידיאָמען,
ווי פון אַ באַהעלטעניש, צו אַ דערקענטעניש,
ער גייט אויף צו אַ ליכטיקייט, פון אַ פאַרבלענדעניש.

און ביי דער לעצטער שורה:
— „לאָז דעם מחותן אויך געריסן״,
זעט ער זיך — אין אַ פרעמדער צורה, —
ווי אַ קלין
וואָס האָט זיך אין פרעמדן לעבן אַריינגעביסן,
און ווי אין שמד
פאַרגעסן זיין שטאַם,
און ווער ס׳האָט אים געהאַט.

— — — — — — — — —

דעם הילפס־געשריי אין בריוו, וואָס קומט אַהער פון וויט, —
זיין טאָכטער, נעמט אויף מיט אַ פרירענדיקער גלייכגילטיקייט.
זי קייט דעם „גאָם״, און טוליעט מער דאָס הינטעלע צו איר.

נאָר אין דעם אַלטנ׳ס האַנט, ציטערט דאָס בייגעלע פאַפיר
ווי אַ קנויט פון ווינט געלאָשן; —
וויי! וויי!
אַ בילד איז ער אין אַ פרעמדער ראַם,
נאַקעט, ווי אַ בוים אין אָסיען.

שבעה נאָך דער מאַמען

אַ שכנה האָט אַריינגעטראָגן זאַלץ און בייגל
און גוטע טרייסט ווערטער: „זאָל זי זיין אַ גוטע בעטערן".
דערביי האָט זי די הענט פאַרבראָכן. — אַ קוק־טוענדיק
אויף אים, — דעם קלענסטן יתום, — האָבן אָנגעהויבן אירע ליפּן
ווי פון קעלט צו ציטערן. —
און אַז אין די אויגן זיינען איר די טרערן אָנגעלאָפן.
האָט זי צו זיי דאָס פאַרטוך צוגעטראָגן, און איז אַרויס פון שטוב.
מיט תהלים זאָגן האָט פאַרנומען זיך דער טאַטע.
צו קיינעם פון משפחה ניט גערעדט, אַן אויסנאַם צו דעם מנין.
און ווי אַ ווינט עס וויגט אַ בוים, אַזוי האָט געוויין נאָך אַלץ
אומגעוויגט זיין שוועסטער. — זיין ברודער האָט געפירט
פון הויז־געזינד דעם חשבון, און פאַרשעמדיק מיט מאַטן בליק
אַ יעדן איינעם, איז ווי אַ קנעכט, זיין מידער קאָפּ
אַרומגעגאַנגען איבער׳ן שטוב, זיך אָפּגעשטעלט ביים צוגעדעקטן שפּיגל,
מיט אַ צוק, ווי אַן אָפּגעריסענער, האָט זיין קאָפּ גענומען נידערן צום האַרצן.

און מאָדנע, ווי ס׳האָט דאַמאָלסט גאָרניט־ניט באַנומען
דער קלענסטער יתום.
ער האָט אומגעשטיפּט, און אויסגעפּילט בקשות
און יעדע זאַך מיט אַזאַ פלינקייט, ווי אין האַרץ ביי אים
דער אומגליק וואָלט געשלאָפן.

נאָך שבעה, האָט די שטוב, ווי צו פאַרגעסן אַלץ זיך שטאַרק געענדערט.
דער שפּיגל איז געהאַנגען אָבגעדעקט,
און וואָך האָט אָנגעטראָגן זאָרג.
און ווידער אַרויפגעצויגן אויפן טאַטן
דעם אויל געפלעקטן קאַפּטל,
און די גלאַנציק פעטע שטיוול.

נייער טאַטע

פאַרגעסענע, פאַרלאָזענע, אין די טאָלן
פון מיין זינען:
שאָטענען מיין טאַטענס מוסר־רייד,
ווי אָבגעריבענע סימבאָלן
אין רואינען.

נאָר אין אָנגעזיכט פון מיינע יונגע קינדער —
צוליב שטאָלץ פון „טאַטע" אויפצוהאַלטן —
ווערן יענע מוסר־רייד־געשטאַלטן,
און זיי טאַפּן דעם וועג אויף מיינע ליפּן
ווי עס טאַפּט אויף טרעפּ, אַ בלינדער.

פאַר די מוסר־רייד, איז ווי שטעכיק דראָט
די סטעזשקעס־צאַמען, פון מיין דענקן.
שטייען זיי ווי פאַר אַ צוגעמאַכטער טיר,
און נאָך דערקאַנטעניש, זיי בענקן.

די שטים

דערמאָנונג

פון פרוג׳ן די אידישע „טרויקע״,
וואו האָב איך געהערט עס צוערשט?
אין מיין אָרעמער היים, קאַמערויקע,
צעווישן פאַרחלומ׳טע געסט.

ס׳איז שבת. אין שטוב, אַ פאַרוויילונג,
איידער עס שטערנט די וואָך.
גלעקעלאַך קלינגען פאַר מיילן, —
גליטשט זיך אַ הייליקער תוך.

איך, אַ קינד אינדערמיטן,
מיט דורשט, בין אַ ליידיקע קרוג.
איילט זיך אַ „טרויקע״ אין שליטן —
וואָס מיינט עס די „טרויקע״ פון פרוג?

נאָר אַז אין פענצטער ווערט טונקל
באַהערשט מיך אַ הייליק געפיל.
מיט געסט, טאַטע־מאַמע, אין ווינקל
ווי זיי, דאָרט חלום איך, שטיל.

— — — — — — — — —

און אָט איז אַ צווייטע דערמאָנונג:
אין פענצטער זינגט שקיעה דער טאָג.
און בולט, עס ניגונ׳ט דערקאָנונג, —
אַ ליד, ביים פריפעטשאָק.

מאַלט זיך מיט ליכטיקן וואונדער,
מיט היימישן חיות פון טאָן —
אַ רבי, דער קאַנטשיק, און קינדער,
דער טייטל, — אַ גילדערנע פאָן.

חושים זיך רעגן, ווי סטרונעס
און איך, בענטש הייליק באַשאַף.
און ס׳גייט מיין נשמה אַנטקעגן
די שטים, פון אַ פאָנאָגראַף.

ווער שפּילט עס? — אַ שכן דער קרעמער!
וואָס לעבט פון אַן אָרעמער קלייט.
האָט אויערן, — אָפּענע עמער, —
נאָר שעפּט ניט פון אייגן־בלוט, פרייד...

לוי גאָלדבערג

געטליכקײט

גאָט, איז אונזער הערליכסטער שװײגער,
דער שטילסטער בײ אונז, — למד װאָװ.
מיט אונז אין דער מי פון דער אַרבעט
איז ער דאָ, אויך אין רו פונם שלאָף.

ער איז דאָ בײ אַ יעטװעדע שמחה,
און צינט די געמיטער דאָרט אָן.
און אויף דעם פידעלע טרויער —
ער שטעלט פון ניגונים דעם טאָן.

(דען װאָס איז געזאַנג, װאָס איז אידיש? —
אויב ניט קושן דעם זאַלץ פונם טרער!
אויב ניט אין געבונדענער פרײנטשאַפט
צענױפפירן האַרץ, מיט געהער!)

גאָט — איז דאָ בײ אַ יעדער לויה,
און שטומט, ביז עס לעשט זיך דער קנוים.
דאַן שפרײזט ער צופוסנס דעם אָרון, —
װאו רו־ערד, פאַרזיגלט דעם טויט.

און װאו אַ געבורט — איז צוקאָפּנס
ער בענטשט מיט דעם פרומסטן פיטעם.
אויך אין דער הײליגער שטילקײט
איז ער דאָ, װען עס שרײבט דער פּאָעט.

ווי אַ ליכט

מיין חומר, דער חלב — ווייכט זיך, און בויגט זיך
אונטער דעם ברענענדיקן קנויט — מיין נשמה.
אַ ווינט בלאָזט אויף זיין פלאַם,
עס וויגט זיך אין עול׳קן „גיי־לויף".

די הייסע טריף־טראָפּנ׳ס — שיינע יאָרן, קילן זיך ; —
כ׳ווער רייפער, געשטאַלטיקער,
באַלד, באַלד, און איך רויכער זיך אויס
אונטער אַ קיל בערגעלע חלב.

ווייס איך ניט : — צו גאָט האָט מיך אַנגעצונדן
אַז איך זאָל אין דער טונקל ברענען
ווי אַ יאָרצייט ליכט אין טרויער, בסוד סודות ? — — —

צו ווי אַ ליכט צו שיינען אין דער שטילער פאָרכטיקייט
פון די הייליקע יום טובים,
ווי אין אַ מנורה, ביים אָרון קודש ; — — —

אַ דיכטערס האַרץ

מאַקס קאַחוין

צו אים, מיט ביינערדיקער האַנט
דער טויט, איז צוגעקומען.
און צום יאַריד פון טויטן־מאַרק
פירן אים גענומען.

האָט זיך די האַרץ געווערט אין אים : —
דעם אויפגעדרייטן שאָטן.
און טויט, אָן איינגע׳עקשנט׳ער,
איז ניט אָבגעטראָטן.

איז ניט אָבגעטראָטן
ביז זיין האַרץ, די ריינע —
האָט נאָכגעגעבן, זיך צום דרוק,
פון דעם טויט, זיין קונה.

טרעפּ אויף טרעפּ... — צום טויט יאַריד
דורך וואָלקן לאָבערינטן.
פאַראויס מיט זיג גייט שטאָלץ דער טויט,
מיט תשר, די האַרץ, פון הינטן.

און אין זיין רויש, דער מאַרק יאַריד
האָט אָבגעשטעלט דעם אָטעם.
אַ האַרץ אַזאַ, נאָך ניט געזען,
ט׳מען אָפּגעשיקט צו גאָט אים.

האָט גאָט מיט טרער אַראָפּגעקוקט,
באַוויינט די יונגע יאָרן.
און פון דער טרער, — דאָס ליד ביי מיר
איז פון זיין האַרץ געוואָרן.

אַ מענטש איז געשטאָרבן

געשטאָרבן אַ מענטש,
באַליבט, און באַרימט.
ליגט ער אין אָרון
אַ טויטער באַשטימט.

אַ מענגע אין גאַס,
אָן ענגשאַפט אויף טרעפּ, —
לעבט גאָר דער מת
אין אַלעמענס קעפּ.

מען זעט אים אין פּליִס,
אין הערליכן ליכט.
ווי ס׳וואָלט גאָר אַ נס
מיט׳ן טויטן פּאַסירט.

גאָר אַלעס ווערט קלאָר
ביים סוף פון אַנטראַקט.
עס רירט זיך די גאַס
מיט מענטשן געפּאַקט.

דער טויטער איז טויט,
דער נס איז קיין נס.
און יעדן דערשרעקט
די שטילקייט פון מת.

לוי גאָלדבערג

בלעטער־פאַל אין רעגן

אין האַרבסט ביי אונז איז דאָ אַזאַ מין אופן,
אַז אויך בלעטער פון די בוימער ברענען ווי אויף שייטער־הויפן.
עס פאָכעט איבער זיי דער ווינט מיט לופטיק שטעקן, —
און באַטויבטע פאַלן זיי אויף גאַסן־ערד, ווי זונען־פלעקן.
זיי לייגן זיך צופוסנס פון די בוימער נאַקעטע אַנידער
און טרייסלען זיך אין אַ קאַנוואולסיע: ווי אָבגעשיידטע גלידער
פון אַ גוף. און ווייגען שטיל, ווען פיס אויף זיי, עס טרעטן.
דער הפקר־ווינט פון האַרבסט, ער נעמט מיט אַ געלעכטער שפּעטן:
— „אַראָפּ פון דער גדולה! איר זיינט צום פלאַם אַראָפּגעטריבן,
שוועבל וועט אייך צינדן אין קופּעס הויך צונויפגעקליבן".

נידעריק בויגן זיך די צווייגן — ווי מאַמע־הענט אַראָפּגעבויגן —
פון די אבלים בוימער. דורך טוי, ווי דורך פאַרטרערטע אויגן,
זיי זעען צו, ווי בליץ פון פייער ציט דעם דינעם שלייער צו די הויכן
און הילן אַלע בלעטער איין. — ביז די גרויע קרייזלען רויכן
שלאָגן זיך אין וואָלקנס אַן, וואָס שווימען ווי לופט באַלאָנען זיי צוקאָפּנס.
וואָלקנס עפּענען די צאַפּנ׳ס און לעשן מיט די שפּריטנע רעגן־טראָפּנ׳ס
דעם טשאַד פאַרשטיקטן בלעטער־פאַל. — אַ רעגן; אָסיען אַלעגאָריעס.
דער גורל אייערער ווי פון די קדושים, אַש אין די קרעמאַטאָריעס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין האַבסט ביי אונז איז דאָ אַזאַ מין אופן,
אַז אויך בלעטער פון די בוימער ברענען ווי אויף שייטער־הויפן.

ביים קברן אין זיין דירה

פון קברנ׳ס דלד אַמות
חייהט רו, נאָך נע׳ונד,
דאָ פעלט די זון פון תמוז,
דאָ וואָינט די קעלט פון שבט.

זיין שוער באַוועגליך פוס־ריר,
זיין פּנימ׳ס בלייכער פאַרב —
דערשרעקט מיט אַ גרוס דיר:
אַז אַלץ פאַרגייט, און שטאַרבט.

פאַרדומפּטער קול אין לשון,
אין אויג, — אַ מוטנער בליק.
ווען מויל ווערט אויפגעשלאָסן;
איז וואָרט: — אַלץ גייט צוריק.

אין שטוב, אויף שויב־ראַלעטן,
די זון ליגט, פאַס אויף פאַס.
נאָר פון וואַזאָנעס בלעטער,
דיר גריסט: — בית עלמין גאַס.

און זיך, אַ שרעק צעוועקט דיר,
און טרייבט דיין האַרץ, מיט האַסט.
אַ קאַלטער שוויס באַדעקט דיר: —
— ווערסט זיין אַמאָל זיין גאַסט.

ל ו י ג אָ ל ד ב ע ר ג

אַ מיידלשער חלום

באַלאַדע

דער וואונש, אַז רייך דאַרף מען זיין אין אַמעריקע —
איז אַריין אין הארצן, פון אַ זעכצען יעריקער
אָרעמער מיידל,
וואָס פון בעט, דער שאָף טרייבט פרי אַראָפּ,
און רוישט אין איר אויער, ווי אַ מויער־קאָפּ,
גאַנצע טעג נאָכאַנאַנד.

שטייט איינמאָל דאָס מיידל פאַר אַן אויטאָ געשעפט,
און פון אַן אויטאָ אַ פּראַכט, דאָרט ווערט זי געפּלעפט,
עס פאַנגט זי דער כישוף.
און פון די אויגן אַנטרינט גלייך די וואָר, —

עס טראָגט איר דער אויטאָ, — און דער ווינט קושט די האָר
פון איר גאָלדענעם קאָפּ.
און ער, — וואָס ער וואוינט אין אַ קעניג־רייך, —
פון איר חלום אַראָפּ, — ביי איר זייט, זיצט גלייך,
און פיבערט פון ליבע.

וועט זי פאַר יענעם, וואָס זיצט אויך ביים שטעפּ,
וואָס צינדט מיט זיין אויג יעדע נאַכט אירע טרעפּ, —
פאַרשליסן איר הארץ.

די חברטעס וועט עס פאַרדריסן מסתמא,
און מאַכן אַ בילבול, צו ווײ־טאָן דער מאַמען —
אַי טייערע מאַמע !
וויין ניט ! און לאָז ניט דעם בילבול דיר שטיקן.

אין שטוב ביי מיר וועל איך דיין עלטער באַגליקן
מיט פּערל, אַ האַלדז־באַנד.

דאָס קלייד פון זייד, וועט רוישן, און בלאַנקן,
שבת, און יום טוב, וועסטו גאָט דערפאַר דאַנקן.
וועלן זיך חברטעס שעמען.
— — — — — — — —

ס׳פאַרלעשט זיך די ליכטיקע שיין אין דער קראָם,
די כישוף־שעה — נאַכט, שלינגט זי איין ווי אַ שוואָם,
דער חלום געענדיקט.

געשטערנט דער הימל: — אַ קאַלדרע פאַר שטאָט.
דעם שניידער יונג הערט זי באַגלייטן איר טראָט, —
אַ גוטע נאַכט! נאַריש מיידל.

לוי גאָלדבערג

געזאַנג צו דער עלטער

(בתיה׳ן)

א

אויף וועג, וואָס האָט געפירט צו דיר, האָב איך באַגעגנט דיינע אַכצן יאָרן.
מיט יונגן רייץ, וואָס האָסט אויף זיך געטראָגן, ווי מען טראָגט אַ צירונג.
און שפּעטער, ווען פאַרקניפּט האָט אונז דאָס לעבן — איז אין געבוירט דערשפּירונג
האָסטו די קינדערלאַך, די צוויי, פאַר מיר אין נחת־רו געבאָרן.

פאַר אַט דעם גליק, מיט וואָס האָט איך צוריק געצאָלט דיר, האַרציגע דו מיינע? —
מיט ברויט אַ פּענעצל. מיט קלייד אַ ציצענעם, מיט וואָרט אין מיינס אַ ליד.
און מיט אַ שיקונג אין לאָמבאַרד, וואו מען פאַרזעצט דאָרט, ווי אַ גליד
פון האַנט, אַ חתונה־רינגל, אַ בראַסלעט, צום גורל ניט האָבענדיק קיין טענה.

געטראָגן האָסטו דעם יאָך ווי אַ בענטשונג, אין דיין האַרצן, דורך די יאָרן־רויזן,
ביז אונזער לעבן האָט דאָך ביסלאַכוויז אויף גראַדן זיך פאַרבעסערט,
ביז מיט יאָרן, האָט די ליבע פון די קינדער צו אונזביידן זיך פאַרגרעסערט;
דערווייל האָט צייט פאַרשנייט דיין קאָפּ — די יונגע מידל־קרויזן.

אויף מיינע הענט ביסטו איצט אַלט געוואָרן מיט די שיינע פּופּציק יאָרן דיינע.
איז מיט וואָס קען איך דיר אָפּצאָלן דערפאַר, שותפטע דו מיינע, זאָג!
אַז ניטאָ גאָר איז ביי מיר אַזאַ מטבע, און ביי דער וועלט אַזאַ מין וואָג;
און ניטאָ איז אויך דער שאַצער דעם ווערט צו וועגן, פאַר דיר, באַשערטע מיינע!

אָוונט־ליד

ב

מיר ווערן אָבגעטראָגן ליבע פרוי, ווי אָפּגענוצטע קליידער.
די ריסן שוין פּאַרמסר׳ן, און עלטער־פלעקן זיינען עדות,
יאָרן, ווי די קנעפּלאַך, ווערן אויסגעהוילט פון זייער סדר —
עס וואַרט אויף אונז דער שמאַטע־קלייבער, דורך פחד־סודות.

מיר ווערן אָפּגעטראָגן. — דאָס לעבן האַלט עס אין זיין תוכן.
און אויך די פּאַזעס אויף די פּאָטאָגראַפיעס פון די שיינע יאָרן.
אויף מיר ווייזט אָן דער שפּיגל: „באַלד״, אויף דיר, דיין זילבער־צייכן,
איך נויג מיין אויער, צו דער שמאַטע־קלייבער רופט, וואוהין מיר וועלן פאָרן.

און וואָס מיר האָבן אויפגעבויט, אַלס ירושה מיר וועלן איבערלאָזןביידע.
דאָס וועלן ירשנ׳ען די קינדער אונזערע — יום־טובים צוויי, די שטילע.
און פאַר די אייניקלאַך וועט איבערבלייבן, ווי שפּרוך די צויבער ווערטער: באָבע־זיידע,
זיי וועלן אונז אין די חלומות לאַשטשען, נאָך זייער שטילער קריאַ־שמע־תפילה.

איך פרעג ניט צו האָט עס זיך געלוינט. — גאָט ברוך־הוא, ער פירט זיין סדר.
עס ליגן אומגעלייזטע רעטענישן אין די קנייטשן פון זיינע טיפע סודות.
יאָ, מיר ווערן אָבגעטראָגן ליבע פרוי, ווי אָבגענוצטע קליידער.
די ריסן שוין פּאַרמסר׳ן, און גרויע עלטער פלעקן זיינען עדות.

ס׳איז מיר באַשערט

ס׳איז מיר באַשערט צו זיין אין לעבן אַ טאַטע אַ געטרייער,
צאָל איך דורך מיינע מידע יאָרן הויכן לעבנס שטייער.
כ׳שפּרינג דורך קיילעכדיקע וואָכן, ווי אַ הינטל דורך אַ רייף
געניט און אונטערטעניק, — און בלייב אַלץ דער בעל חוב.

ס׳איז מיר באַשערט צו זיין געבונדן צו אַ פּאַך וואָס דויערט
כ׳געדענק שוין ניט ווי לאַנג — מיר דוכט זינט מיין לעבן טרויערט.
כ׳טראָג עס אויף מיין גוף, — ווי אַ העמד שוואַרץ פון קויט.
און ס׳איז דער שכר, — אויך ניט אַלעמאַל — געקריוודעט ברויט.

ס׳איז מיר באַשערט צו זיין געבענטשט מיט אַ געמיט וואָס שפּאַרט אַרויס לידער
דורך אַ שפּרודלדיקן קוואַל: — מיינע אומעדיקע גלידער.
זיי גייען אויף אין לעבן מיט לויטערקייט פון פּראָסטן רייץ
ווי אויף פעלדער, — קערן גייט דורך רעגן אויף אין ווייץ.

פאַר דעם אַ לויב. — נאָר דעם שטייער ניט צו פאַרגעבן.
אונטער מיין פאַרעקשנ׳טן ווילן, צאַפּלט זיך מיין לעבן.

שטערן אויף מיינע נעכט

צווייטע אָפּטיילונג

איך קען אויסדויערן ווייטיק, פֿאַר די פֿרייד פֿון מיין ליד.
איך קען איינצאַמען פֿרייד, אין דעם קלאַנג פֿון מיינע טריט.
איך קען חלומ'ן לידער און רייסן דעם שלאָף
און וויינען אויף אַ ווייטיק געזונגענעם סטראָף.
איך בין ווילד. און בין מילד. — אין געפּייניקטער נויט
קען איך טיילן מיין גראָשן — בלוט פֿון מיין הויט.
איך בין פּראָסט, אין מיין שיין זיין.
איך בין רייך, אין מיין אַליין זיין.
איך בין רוי־ערד, אין וועמעס
פֿורעם, גאָט האָט איינגעקנאָטן אמת.

דיאַלאָג

— נאַרעלע, נאַרעלע, נאַרעלע נאַר,
וואָס ראַמסטו אַריין אין די לידער דיין צער?
און ברייִנגסט זיי דערנאָך — מיט דער מאַמעשער זאָרג —
צום ווירבל יאַריד, און צוטיילסט זיי אויף באָרג.
— איך ברייִנג מייַנע לידער, ווייל דאָס איז געבאָט,
מיט מענטש זיך צעטיילן די מתנה פון גאָט.

— נאַרעלע, נאַרעלע, נאַרעלע, נאַר.
מיט חוזק דער מענטש צאָלט צוריק דיר דערפאַר.
דו זינגסט, און דו וואַרטסט, ביז דיין לעבן פאַרגייט,
און האָפסט אויף אַ לעבן וואָס קומט נאָכ׳ן טויט.
— דער חוזק, עס האָט ניט פון דויער, דעם האַפט,
און לעבן איז אייביק, וואָס דיכטונג באַשאַפט!

— נאַרעלע, נאַרעלע, נאַרעלע, נאַר.
שרייבן איז פייער, און דיר ציט צום זשאַר.
דו לעבסט מיט׳ן חלום ווייט פון דער הי,
וואו אַנדערע שעפּן אָן גאָלד פון דער מי.
— מיך ציט צו דעם פייער, ווייל פייער איז שם,
מיט וואָרט צו באַזינען דעם מענטש אין זיין קלעם!

— נאַרעלע, נאַרעלע, נאַרעלע, נאַר.
אַ ליד פון דער פּלייט, ווער דאַרף אין ווירוואַר? —
ווען דאָ ווערט געיאָגט נאָכ׳ן פויק, באַראַבאַן,
צום יאָך מיט דער סאָבווי, צום יאָך מיט דער באַן,
— די מתנה אין ניוועץ זי פאַלט ניט אַריין.
ניטאָ איצט דער מענטש, וועט ער שפּעטער וואו זיין.

לוי גאָלדבערג

רייד וואָרט מיינער!

רייד וואָרט מיינער מיט תמימות פון מיינע לידער!
אין שטילקייט הער איך גערן דיין קול.
איך צי זיך צום באַרג פון אַ טאָל
ווען חיות צעקוועלט מיינע גלידער.
רייד וואָרט מיינער, מיט תמימות פון מיינע לידער: —
געזונגענער ווייטער אַמאָל.

אין קלעם פאַלגט מיין פען אין די פינגער
וויל ברייגגען צו דער וועלט אַ געזאַנג.
און שווער איז דער גליקלאַכער פאַנג: —
ליד פייניגט מיך צו פילן זיך גרינגער.
אין קלעם פאַלגט מיין פען אין די פינגער,
און צייכנט פון דויער אַ גאַנג.

ס׳איז אָוונט־שעה, מאַנען די גלידער
און בעטן צום רוען אַ שויס.
גאַס קלאַפּט אין פענצטער מיט רויש —
און איך וויל לעבן מיט לידער.
ס׳איז אָוונט־שעה, — מאַנען די גלידער
און וויינען פון לידער אַרויס.

מיין וואָרט

מיין וואָרט איז שטיל ווי טרויער.
מיין פאַרב, איז ווייס און שוואַרץ.
עס הילכט ניט הויך צום אויער
נאָר שטיל עס רעדט צום האַרץ.

דערפאַר איז עס פלאַטאַניש
צו טעג, געווייקט אין בלוט.
איך לייד אין זיי,— נאָר קאָן ניט
גלייך דינען די מינוט.

ווייל שווער איז מיר אין פאַנצער
זיך קליידן, און מיט שפּיז
הפקר׳דיק צו טאַנצן
אויףליידן מיט די פיס.

מען זאָגט: — דאָס מיינט גסיסה,
דער „איצט" דיין רום פאַרשרייט.
נאָר זיין אַ גייסט אין תּפיסה —
אויף דעם כ׳בין ניט באַרייט.

ווייל איך וויל לאַנג געווערן.
און זיין אויך אויסדערווײַלט.
מיך ציט צום דור געהערן
וואָס האָט מיט ליד געהיילט.

לוי גאָלדבערג

די גרוים פון אַ בויד

קיילעכדיק, און די גרויס פון אַ בויד
איז די וועלט פון אונזערע פּאָעטן
קומט אונז אויס — געצוואונגערנערהייד
זיין געסט, צו קיינעם געבעטן.

ווייל פאָלק איז באַזאָרגט. און ברויט איז זיין קרוין,
און ס׳גריסט אים אַ פאַרנעפּלטער האָפן.
מיט שלעסער פאַרשלאָסן איז האַרץ פון המון
פאַר דער שיינקייט פון אונזערע סטראָפן.

בלויז אין ענגן געזעמל, ווי אַ פּילקע פליט אום
אונזער ליד, צווישן צינישע פּשעטלער.
נאָך איידער עס צעזינגט זיך, פאַרשעמט בלייבט עס שטום,
ווי אַ נדבה, פאַרטיילט צווישן בעטלער.

פאַרט אונזער בויד דורך דער וועלט צום יאַריד,
און ס׳זינגען פּאָעטן אין ענגשאַפט.
האַנדלט דאָס פאָלק אין זיין יאָך, און איז מיד
צו הערן טרייסט פאַר זיין בענקשאַפט.

וועט קומען אַ צייט, אָן צער, אָן געוויין,
וועט מען הערן דאָס געזאַנג פון פּאָעטן.
דערווייל איז ליד, אַ פלאַנץ צווישן שטיין,
וואָס יעדערער מעג עס צוטרעטן.

דואַליזם

אַנדערש טראַכט איך ווי איך לעב.
אָ גאָט. פאַרגיב מיין חטא.
עס לעבט זיך ניט אין אונזער וועלט
ווי עס טרוימט אין מיר , פּאָעט.

איך שטים מיט זאַכן איין. זאָג „יאָ”,
אויף דעם וואָס זאָגן דאַרף איך „ניין”.
איך טרעט דורך נאַכט אין לידער־וואַלד
ווען חוזק טרייבט : צום שלאָפן גיין.

ס'איז צוויי געשטאַלטן דאָ אין מיר,
און יעדן טאָג קומט פאַר דועל.
גיב כוח גאָט דאָס אויסצושטיין
ביז רוף, פון דיין באַפעל.

לידער

לידער פון דיכטער די „זייטיקע"
ווי זריעה אין היצן פאַרדאַרן ;
זייער פעלד איז צו מאָגער פאַר בליאונג,
מיט היישעריק קומען געפאַרן.
און די ערד, זי צעעפנט די שויסן.
און עופה׳לאַך, זיינען די מתים . . .

לידער פון דיכטער פאַרגעסענע : —
ווי טויטע, ביי פלויטן באַגראָבן.
רעגנס פאַרמעקן די נעמען
אויף ברעטלאַך צעפיקעט פון ראָבן.
און האַרבסט איז אַ גראָז־ווילדער עסער,
זיין ווינט, שניידט זיי ביז מיט אַ מעסער . . .

לידער פון דיכטער געשטאָרבענע : —
אונטער שיינע מצבות זיי שלאָפן.
דער קברן וואָס פלאַנצט אויף זיי בלומען
ער היט זיי פון ווינטיגע שטראָפן.
מיט יאָרצייטן וועקט זיי דאָס לעבן.
פאַר דורות יניקה צו געבן . . .

לידער פון דיכטער די אינגערע : —
למד וואָוו׳ן, אין געטליכער שליחות.
זיי צינדן אין חושך פון לעבן
די פאַקלען פון הערלעכן יחוס.
און ברענגען די נייע תנכ׳ן
אומעדום יום טוב צו מאַכן.

וואונדער פון דער אָוונט שעה

אַפילו ניט אין פולן ליד איז דאָ אַלצדינג
וואָס כ'האָב פאַרטראַכט אין שטילער שעה צו זאָגן.
מיין פשוט וואָרט, וואָס איך געפין אים גרינג
איז אָפט אַ משא. — ניט אַרויפצוטראָגן

צו יענער הויך וואו עס ציען זיך טרעפּ,
פון אויסגעחלומ'טע — געשטאַלטן.
טרעפּט: עס ווערט מיין קלאָרער זין פון אַ געוועב
אין אַ פאַרצאַמטער טונקלקייט פאַרהאַלטן.

איז עס ניט דערפאַר, ווייל עס איז אין מיר ניטאָ
דער פלייס פון שניצן און פאַרונדערן.
שלאָף, פאַרצוקט מיין קורצע יום־טוב שעה, —
און שטערט מיין וואונדער, צו באַוואונדערן.

וואונדער פון דער אָוונט־שעה. ווען איך זאַמל מיין עשירות.
איך צאָל מיט בלוט. נעם אָן מיט ליבשאַפט מיינע סתירות.

לוי גאָלדבערג

ווי אין אַ מעשה׳לע

ס׳איז דאָ אין מיר אי וואונדערלעכס אי מיסטעריעזיס,
כ׳טראָג די אַנונג זינט כ׳האָב ערד באַטראָטן.
פון מיין טיפעניש, די נשמה ראַנגלט זיך נאָך פרייהייט.
און אַליין היל איך זיך אין איינזאַמקייט און שאָטן.

די צייט האָט לאַנג שוין אָבגעקניפּט מיין בונד מיט טאַטע מאַמע,
און לעבן האָט באַשערט מיך מיט אַ דור צו שיינען.
דאָך גריס איך זיך מיט שאָטנס פון יענעם וויטן עבר —
און לעב אין יוגנד׳ס וואונדערלאַכע פיינען.

כ׳בין קנעכט. און טראָג מיט שטאָלץ מיין עול — די שווערע קייטן.
(אין יאָך, מיין יחוס וויטיקט אויף דעם גזר־ברעט.)
דאָך צווישן היישעריקן, אַריבער קלעם פון אַלע נויטן —
איך בענטש די ברכה, פון מיין צערנדיקער אַרבעט.

ווי אין אַ מעשה׳לע, וואו שווער דעם זין איז צו באַווייזן,
איז דאָ אין מיר, סיי וואונדערלעכע, סיי מיסטעריעזע גרייזן.

אַ מעשה'לע וועגן אַ פּאָעט

אויף דעם פעלד, וואו ער האָט פרום פּאַרזייט די פערזון־קערנער,
זיינען אויפגעגאַנגען — דורך גאָט'ס זון און גנאָד — בונטע לידער־פּלאַנצן.
ער האָט מיט פלייס און בלוט געווידמעט זיך, צו זיי איינגאַנצן: —
וואָס האָבן מיט זיך פּאַרגעשטעלט: מענטשנ'ס לעבנס־וועג, פון דערנער.

און אַז שוין נאָכ'ן שניט, איז ניט געווען ווער עס זאָל די שפּע אַרבן,
זיינען זיי געלעגן הפקר אויפ'ן פעלד, די אָזוי פיל, און אַזוי פיל.
ביז אין אַ גרויער שעה, איז ווי אַ היישעריק — זיין צווייפל
אויף זיי אַרויפגעפאַלן, און אויפגעגעסן אַלע רייפע לידער־גאַרבן.

דער יונגער לידער פלאַנצער — דער פּאָעט — לעבט איצט עלענד אין אַ צווייטן,
אין דעם עלטערן פון זיין טרוים־איך, און ער באַדויערט ניט
וואָס אויף זיין פעלד הערשט וויסטעניש. און וואָס קיינער טרויערט ניט —
ער גייט דעם וועג פון דערנער, וואָס ליגט צווישן זיינע לידער־בייטן.

לוי גאָלדבערג

ווי אין אונזער לעבן

דער זין און אומזין, ווי אונזער לעבן, איז אויך דאָ אין דעם געערטן קעניגרייך פון לידער,
און אייביק וועט זיך דאָרט מין הסתם אַזוי שוין פירן. (ווי גאָט האָט געבאָטן.)
מיט לידער־עופּהלאַך, לידער־גרייז־גראָע, מיט לידער בעטלער, אינוואַלידן —
מיט פירער, און סאָלדאַטן. מיט לידער דעמאַגאָגן, חכמים, און לידער אידיאָטן.

פאַרשידנאַרטיק אויסגעמיש. אַלע זיינען דאָ, און אַלע מאָנען רעכט אויף לעבן.
די חכמים־לידער שפּרייטן ליכט, דעמאַגאָגן — שאָטן. און די בעטלער־לידער — וויסטע קלאָגן.
און ווען רעאַקציע שטיקט די וועלט, ווערט אין דער לידער־מלוכה אַ מהומה. — אידיאָטן
טרעטן אויף חכמים, סאָלדאַטן אויף גרייז־גראָע, ווייל די לידער־פירער הייסן שלאָגן.

פאַראַנען לידער

פאַראַנען לידער וואָס גייען אויף אין אונזער לעבן
מיט דער קליינלעכקייט פון אַ נצחון.
איז ווייל זיי טראָגן אין זיך די טומלדיקע גאוה
איז זייער דויערהאַפטיקייט
צו דער אייביקייט —
ווי ווערטער אויף אַ טאָפל
מיט קרייד געשריבן.
די לידער, וועלן צוריבן
ווערן, אין די מיל־שטיינער פון עפּאָכן.

פאַראַנען לידער וואָס גייען אויף אין אונזער לעבן
גורל ווייַנענדיק, קוים הערבאַרע,
ווי נזירים אין פאַנטאָפל.
איז ווייל זיי טראָגן אין זיך, די שיינקייט פון יסורים,
קענען זיי אומגעשטערט, דורך שטורם
וואַנדערן,
פון איין דור צו דעם אַנדערן.
צו ליכטיקן די צייט
פאַר דער אייביקייט.

גאָט ! היט מיר אויס פון ירידה,
בענטש מיך, מיט דער צווייטער מידה.

לוי גאָלדבערג

דער לידער־טרעגער

פון זיין קויש דעם פולן
ער ווייזט זיי, וואָס ער האָט.
ווי אויף אַ מענטש, אַ דולן
זיי חזוק׳ן מיט שפּאָט.

— אָ מענטשן, גליקן־לעכצער!
ער בעט זיך אין באַשייד —
— כ׳האָב טרייסט פאַר קאַלטע הערצער,
כ׳האָב זין, צו שפּאָטע רייד.

אָט זעט! אַ ליד: „דער שלעגער",
זיין בלוט, פון בייזע הינט.
ער לויפט נאָך רויב, דער יעגער
צום שטילן הויז־געזינד

און שפּרייט דעם סם המות
פאַר אונזער טאָג, און וואָך.
ער האָט געסמ׳ט די אָבות —
צו אייך, קומט ער דערנאָך...

איז אויב ניט דאָס, אַן אַנדער
ליד, איך גיב אייך גלייך,
עס איז אין וואָגל־וואַנדער
די אייגענע, פון אייך.

די אויגן, אויסגעלאָשן,
די קליידער, ריס אויף ריס,
זייריידן אייער לשון
וואָס איר טרעט מיט די פיס.

דערקענען זיך די „קענער"
פון ברעכן אייגן בריק: —
און זיי, די ווידערשפּענער
צאָרענען צוריק: —

— „אונז לאָז צורו, דו שתדלן!
וואָס פאָרן ווילסטו אַלץ,
די רייד פון וויסטן בטלן,
אונז קריכן שוין פון האַלדז".
— — — — — — — —
פון אומעדום אַ שלעגער,
דער פויסט, זיך ביילט אין האַנט.
און ער, דער לידער־טרעגער —
שפּאַנט, און שפּאַנט, און שפּאַנט.

לוי גאָלדבערג

אברהם ליעסין

אַ ווער בין איך, וואָס זאָל אויפהויבן אויפן פאָן פון ליד זיין נאָמען? —
אַן אורח נאָר, וואָס האָט צו מאָל פון זיין גרויס גנאָדיקייט געגאָסן.
זיין פּאָטערליכקייט, וועט אָפּט אין מיר פיינלעך שטיל דערמאָנען
אַז אַ ליכט אין דער דיכטערישער מנורה האָט זיך אויסגעלאָשן.

עס ציט זיך יעדער צו דער פאָן, ווען נאָר די פאָן איז באַענט,
שרייב איך אויף מיט ציטערדיקער פען אויף איר זיין נאָמען: ליעסין.
איצטער, ווען ווילדע קולות פון דערוויטן צו אונז דערטראָגט זיך, דראָענד
וועט פעלן פון זיין ווארעם וואָרט. די טרייסט, וואָס איז פאַר אונז אַ שוץ געוועזן.

חושך, אין דעם דלד־אמות פון די דיכטערישע פיר ווינקלען.
און די מנורה אויף אונזער וועלט טונקלט, ווי קורץ־זיכט אין אַ ראיה.
זיין ליכט וואָס פלעגט אין אונזער לעבן ווי אַ שטערן פינקלען —
איז איצטער, אַן אייביק פאַרגייענדיקע שקיעה.

אַ האַרבע וואָר! עס קען אײן טרייסט נאָר היילן,
דעם ריס, אין אונז אבלים, מיט די הייליקסטע תרעומות: —
אַז פון יאָר צו יאָר אין מעשה וועט זיין נאָמען זיך דערציילן:
ווי אַ נייע סדרה, אין דעם אַלטן לעבנס חומש.

אברהם רייזען

צו דיר, מייסטער רייפער און צייטיקער,
איז מיין ליבע, אַן אָפּענע און אַ טיפע.
נאָר ס'האָט מיך אויסגעמיטן די מידה פון חניפה —
וואַקס איך אויס פאַר דיר אַ זייטיקער, —
ווי אַ קליינע שטיבל, אין אַ שטאָט אַ רייכער.

(דאָס האָב איך גע'ירשנ'ט פון מיין טאַטן זיין עני'ות.)
גלויב: דיין טראָטן־גאַנג, וואָס איז באַרג אַרויף אַ גלייכער,
איז פאַר מיר גאָלע חשיבות.

אין נויאָרק, — דיין לענגסטע היים נאָך קוידענאָוו —
נעם איך אויף דיין וואָרט פון נבואה און פאַרגעבונג.
אַזאַ ליכטיקע זריעה פון ליבשאַפט אין דיין סטראָף,
אַזאַ שפע אַרום אייגענע גלאָרייכער איבערלעבונג.
אַזוי, אַז אין מיין מיטן־וואָך וועסטו די נשמה יתירה, —
און ווי אַ בליץ־לאָמפּ, צושטערסטו איבער מיר — מרה שחורה.

מייסטער רייפער אין די יאָרן־עלטערע!
אויך איצט מיט יונגקייט, זיך צו גלייכן,
וואָס ביסטו דען ניט אין אונזער אידיש לעבן? —
ביסט נביא, אין אונזער אומגליק, טרייסט צו געבן.
מאָכסט אונזער דלות שענער פון די קעניגרייכן.

לוי גאָלדבערג

צו יעקב גלאַטשטיינ׳ען

מיט־ברודער פון איין מאַמען צייט.
מיט־זינגער פון איין זינגער דור.
דורך לעבנס־מאַרש ביז אונזער גזר־בהלה,
איז דיר באַשערט געוואָרן צו זינגען סאָלאָ
אין אונזער דיכטער כאָר.
דיין מוזע איז געשפרייט מיט אָדלער פליגלען,
האָסטו אויפגעפּראַלט — דורך אַלע זיבן הימלען —
די געהיימע ריגלען,
פון אונזער אידיש לשון;
און כשופסט
פאַר אונזערע אויגן,
ווידער דעם רעגנבויגן.

כאָטש טיילמאָל זע איך דיר אין שפּיל און חנ׳דל,
מיט לעסטער וואָרט פאַר אונזער לייענער געזעמל,
דאָך טרעטסטו מיט אַחריות לאַסט
אין אונזער לעבן,
ווי דורכ׳ן מדבר, טרעט דער קעמעל.
דיר גריסט דער וועג, צום לאַנד פון בלויע הימלען,
ווען זינגער אַנדערע, פון אונזער דלד אָמות,
אַפּאַטיש דרימלען אין איינזאַמקייט.

מיט־ברודער פון איין מאַמען צייט:
דו צייכנסט זיך אין דער געשיכטע, וויכטיק,
אין אונזער חושך, אַרום דיר, איז ליכטיק.

צו אהרן קאַרלינ׳ען

דער פלאַם, וואָס לויכט פון דיין געצעלט איז ניט קיין העל געצונדענער
ווי פון אַ בליטץ־לאַמפּ, צווישן רחבות, מיט גלאַנץ און שיינקייט.
גיכער איז עס — אַ מאַטער לאָמפּן שיין פון אַ קנויט, מיט גאַז
מיט וועמען אין נאַכט אַ מענטש טובלט זיך אין יום טוב־דיקער ריינקייט

בין איך פאַרגאַפּט אַ מאָל דיין הויז פאַרבייגעגאַנגען,
און זין האָט דורכגעלויכטן — דורך דיין שויב — אויף מיינע גלידער.
דיין בליק האָט מיך אָן עלנטן, דורך שויב דערקענט — —
און אָנגעבאָטן אַ פאַרוואַנדשאַפט, ווי אייגן בלוט פון ברידער.

מיר זיצן בײדע הייליק, ביי מיינס אַ ליד, — געהיילטערהייד —
אָן כניפה, טוסט אָן אויף מיר די שיינקייט פון מיין סטראָף.
פון דיר אַ געבענטשטער. אומעטום דערמאָנט עס מיך
אין דיין תמימותדיקער ערלעכקייט, פון אַ למד וואָוו.

לוי גאָלדבערג

ראובן גראַנאָווסקי

ער האָט געטראָגן שטאָלץ דעם ווילן פון צו זיין אַ שרייבער,
און איז עס אויך געווען מיט דער איידלסטער עמפינדלעכקייט.
און ווי אַ נגיד, צו זיין טאַלאַנט, אויך אַן איבערקלייבער —
ער האָט געזוכט אין זיך דאָס אמת׳ע, דאָס וואָס האָט באַדייט.

ער האָט געגליכן מאָס, באַלאַנס, און סדר.
האָט פאַרהערלעכט קלאַסיקער, און זייער פּאָעזי.
אַליין אַ תלמיד פון י. י. לינעצקע׳ס חדר, —
האָט זיין רבי אים געשריבן שפּעטער: — „הבן יקר׳לי".

אַ שאָפער פון כאַראַקטער בילדער, לידער, מעמואַרן,
האָט ער זיין בנין אויפגעשטעלט מיט גאָלער הונגער־לוסט.
צו סכנה אויסגעשטעלט דורך אַלע טעגלעכע געפאַרן —
האָט ער אָפט — אַן עלנדער — די פרעמדע שוועל געקושט.

אין זיין רירעוודיקער עלטער האָט די יוגנט זיך געשפּיגלט.
און אָפט האָט יעדערער מיט חידוש עס דערמאָנט —
ווי יונג זיין שאַרפזין איז געפליגלט,
און ווי די עלטער האָט אים איינברעכן ניט געקאָנט.

נאָר זי האָט עס פאַרט געטאָן... — און ניט גערן
האָט ער זיך נאָכגעגעבן צו דעם איבערברוך.

— — — — — — — — — — — — —

און דער טויט האָט אים אַ קוש געטאָן אין הייסן שטערן,
און זיין פּנים צוגעדעקט, מיט אַ שוואַרצער טוך.

משה יונה חיימאָוויטש

מיט ווערק פון איצט, און עבר, און פּערלדיקן כשוף לשון,
איז ער ביי אונז דער געשליפנסטער סטיליסט אין פּראָזע.
אין קעגנזאַץ צום רום־באַשערטן יוסף אָפּאַטאָשו —
טראָגט ער גרינג אויף זיך דעם גורל פון אַ שפּינאָזע,
וואָס צוליב עניוות, איז ער אַליין זיך גורם
צו ליגן שטיל אין חרם.

נאָר אין אונזער שאַך־קאַמער פון ליטעראַטור געביידע
וואַרט אויף אים אַ שטול, אין דער סאַמער לאָזשע.
דאָס לעבן דאַרף מיט יאָרן נאָך דערגאַנצן זיינע ליידן,
ביז מיט אַ גאַלאַנטן שמייכל ער וועט זיין דאָרן־וועלט פאַרלאָזן.
און צווישן מייסטער, רום־פאַרערטע נעמען,
וועט ער זיין שטול פאַרנעמען.

לוי גאָלדבערג

משה יונה חיימאָוויטש
און ברוך ריוואָקין.

אַ באַגעגעניש

אויף דער צווייטער עוועניו — מענטשן גייען,
און ריוואָקין, איילט ווי אַ ווינט.
אים טראָגן אין מוח אידייען,
און די גאַס ווערט אַ לאַבאַרינט.

באַווייזט זיך פאַר אים משה יונה,
און רופט אויס מיט פרייד: האַלאָ!
דאָס קול דערשרעקט ווי אַ שונא, —
טראַכט ריוואָקין: — ווי קום איך דאָ?

— וואו גייסטו? — דוצט ריוואָקין אָן העזה,
און גיט משה יונה׳ן די האַנט.
באַקומט זיך אַ קאָמישע פּאָזע:
אַ האַבאַ, באַגריסט גאָר אַ פראַנט.

די הוט איז צעקנייטשט, פון די טאַשן
דער צייטונגס באַגאַזש וועגט אַראָפּ.
משה יונה — מיט גלאַנץ אויף קאַמאַשן,
און מיט שטרויענעם הוט אויף זיין קאָפּ.

— וואָס הערט זיך? פרעגט דומפּיק דער שווייגער,
און ריוואָקין, ער ענטפערט — אַ ברום.
דער ענטפער איז אָנדייט אויף דאגה,
און שטאַמלענד, ער זאָגט צו אים: קום!

משה יונה, אין פּאָזע אַ גלייכער,
שפּרייזט גיך, דורך דער עוועניוס קאָך.
און ריווקין, פון רונדקייט אַ פרייכער —
אין כינעזישן גאַנג, פאָלגט אים נאָך.

איז איינער פון צווייטן פאַרלאָזן,
און שמועס דאָ קומט ניט צושטאַנד.
ביי אַ ראָג, ווידערהאָלט זיך די פּאָזע: —
„גוד ביי״; זאָגט דער „האָבאָ״ צום „פּראַנט״.

עס ציט אים, מיט משא פון שטיינער
זיין מיסיע, און ס׳רופט די רוטין.
משה יונה׳ן, — צו זיין אַן „אַליינער״,
סתם גייך, און ניט פרעגן, וואוהין? —

לוי גאָלדבערג

בידערמאַן אין זיין בוך־קראָם

דריי ווענט מיט פּאָליצעס, אַרכיוון־ביכער הויערן אין זיי,
די שויפֿענצטער, אַ קראָם פֿאַר זיך, איז אָבגעהיט.
לאַנגער ברעט־טיש אַנטיקוואַרן: פּראָזע, און לידער־העפֿטן, —
און ער — זיצט, און שווייגט דאָ אײַנדערמיט.

אַ קונה קומט. אַ קונה גייט. אים וואַרעמען די גאָענטע
קאָלעגן, וואָס האָבן פֿאַר זיין אויג זיך רייף צעבליט.
פֿון זייער וואָרט — אַ קאָסע — אָפּט פֿאַלט אום אַ שעפער ווי אַ זאַנג,
און ער — זיצט, און שווייגט דאָ אײַנדערמיט.

קומט אַן אַ קלאַסיקער, — רינגלען אים דאָ אַרום, ווי קינדער
די שרייבערישע דאַן־קיכאָטן, ביים פֿייער פֿון זיין אויוון אָנגעגליט.
פֿאַר אים רוישט אויף דער יונגער זומער, מיט אַלע גרינע בלעטער, —
און ער, זיצט, און שווייגט דאָ אײַנדערמיט.

דאָ, פֿאַר אים, איז קרייז פֿון רייד. — ווי אין געבוירענער עניוות
זיין וואָרט פֿון טאָשן זיך, ביים צונג ליגט אָפּגעהיט.
ווי בודהא אין מחשבה, — ער הערט, און רויכערט —
ער, וואָס זיצט און שווייגט דאָ אײַנדערמיט.

אין דער פּרעסע

פּראָזאַאיקער אין דער פּרעסע זיינען די פּאַרמעגלאַכע לייט.
זיי באַוואוינען רחבות׳דיקע היימען, מיט באַקוועמלאַכקייט.
צימערן לרוב, מיט שפּיל־ערטער פּאַר לוסט אין פרייער צייט,
ווי עס פּאַסט פאַר די פּאַרזאָרגער פונם פאָלק: „די אָרעמע לייט״.
נאָר דער אמת איז — אַז אין לעבן
זיינען זיי די שתדלנים וואָס פירן צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.
און ווייל די מעשה איז לאַנג, האַלט עס דעם עולם געשפּאַנט.

פּאָעטן אין דער פּרעסע זוכן ביי פּראָזאַאיקער קוואַרטיר.
זיי זיינען ווי געסט פון הרי חושך וואָס קלאַפּן פון טיר צו טיר.
און ווייל זייער וואָרט וועגט אַריבער דעם ווערט־שאַץ פון פּראָזע־גביר —
טרעט מען זיי אָפּ אַ ווינקל צימער, מיט אַ טישל ביים טיר.
נאָר דער אמת איז — אַז אין לעבן
זיינען פּאָעטן די למד וואָוון, און זיי ריידן קוים,
זייער שליחות, איז צינדן פאַר מענטש גאָטס ליכטיקן טרוים.

לוי גאָלדבערג

דער שווייגער

צו וועמען רעדט דער שווייגער? —
ער רעדט צו זיך אַליין.
עס הערט אים אויס דער נייגער
וואָס רוט אין זיין געביין.

דאָס שענסטע וואָס אין לעבן
דורך מיאונג ער געפינט: —
ער זוכט דורך טאָט צו געבן
אַז וועלט זאָל זיין באַזינט.

ווען שטרויכלען ווילד באַוואַקסן
זיין דמיונדיקן וואַלד —
ער צוקט מיטביידע אַקסלען
און זיין שטערן — פאַלבט.

און מיט עקשנות, נאָך מער,
ער שאַרט אַוועק געפאַר.
ווי אַ קינדערישע חכמה —
פרייד, באַזעלט זיין צער.

וואָס איז אַזוינס אַ שווייגער? —
אַ מאָל — אַ מענטש פון חטא.
אַ מאָל — אַ מענטש פון דאגה,
נאָר אָפטער אַ פאָעט.

דיכטונג

וואָס איז דיכטונג? — שרייבן און מעקן,
ביז צו דערגרונטעוועןֿ, ביז צו אַנטדעקן.
דיכטונג איז בוים, מיט אָדערן־שטאַמען,
דיכטונג איז פרי, מיט אַל־אירע טעמ׳ן.

וואָס איז דיכטונג? אָפּקלייבן, ציכטן
דעם ניגון פון לעבן. — און אונטער די שיכטן
פון שטויב אויף די שטויבן, ווי ערדענע דעקן —
באַהאַלטענעם וואונדער, ווידער אַנטפּלעקן.

וואָס איז דיכטונג? — דיכטונג איז ליבע:
בענטשונג וואָס הויבט זיך דער שנאה אַריבער.
דיכטונג איז זון. אויך וואָלקנס געדיכטע.
דיכטונג איז האַנט וואָס גרייכט די געשיכטע.

לוי גאָלדבערג

אַ פאַרגעסענער פּאָעט

ס׳איז שווער, אָפּט שווער ביז גאָר,
ס׳איז שווער, אָפּט ביז דערווידער —
אַריינצוגיין אין דער וואָר
פון זיינע פאַרגעסענע לידער.

געבאָרן געוואָרן אין וויי,
דורך שיין, פון געלייטערטע שטערן,
אַ היילונג צו זיין, אין געשריי
פון מענטש, וואָס האַלט נאָך אין ווערן.

געהייסן הויך הויבן דעם קאָפּ,
צום רעש, פון די ווינטן אַנטקעגן,
ווען דונערן פאַלן אַראָפּ, —
ווען בליצן, צעצינדן די וועגן.

נאָר לעבן איז גרויזאַם, און שווער,
אַכזריות פון מענטש, איז נאָך גרעסער,
זיין געזאַנג, — פאַר אַ טויבן געהער, —
איז געפאַלן, ווי שניט פון אַ מעסער.

זיינע לידער, אין ביכער פון מאָהל —
נזירים, מיט הייליקע גופים —
זיי ליגן, אין אַ קברים־טאָל ;
ווינט, און שטויב, פון אַ תקופה.

באַרירט זיי מיין אָטעם : איך הער
מאָנונג, גערעכטיקע טענה.
און שווער ווערט מיר, דערווידער שווער —
מיט די לידער, פאַרכשופטע מיינע.

רעשט

זיין אויסדערוויילטע וועלט — ווי גאָלד אין זאַמד —
האָט ער געפונען אין זיין ניגון־סטראָף.
און מיט זיין ליד געוועקט דעם מענטש פון שלאָף.
און זיך געזען, אין פאָלק אַריינגעראַמט.

און ווען אין פעלד, — פון זונענגאַנג באַפאַרבט —
ער האָט אין בייטן, קערנער איינגעזייט —
האָט ער געהאָפט אויף זריעה פון דער בייט,
און צייט דעדערוייל, די עלטער האָט געקאַרבט.

אין שניט פון האַרבסט, ווען עלטער, די האָפנונג לעשט —
האָט בלינד זיין האַרץ אַ דאָרן־פלאַנץ דערפילט.
זיין ניגון האָט אין טויט זיך איינגעשטילט,
אַוועק, ניט קריגנדיק פון גאָלד, דעם רעשט.

גורל פון מיין ליד! פון אַ קוואַל גענערט,
צו טיילסטו מיר דעם זעלבן מזל מיט? — — —
אויך איך האָב גאָלד געפונען פאַר מיין ליד.
צי וועט פאַר רעשט, דער זאַמד מיר זיין באַשערט.

לוי גאָלדבערג

אַ נאַקעט ליד

ווי מען ציט אַרויס פון די וואַסער־גרונטן
אַ פיש אויף דער ווענטקע,
אַזוי ציט ער פון זיין טיפן האַרץ אַרויס
אַ ליד מיט זיין פען.

דאָס ליד צאַפּלט זיך אין דער ניט זיכערקייט,
און וויל צוריק אין דער באַהעלטעניש,
נאָר די האַנט, פונם פאַנג איז שטאַרקער —
זי לאָזט עס ניט אַראָפּ פון פּאַפּיר.

רגעס, רגעס, רגעס.
דאָס ליד אויף דעם ווייסן פּאַפּיר־פלאַך באַרואיגט זיך.
געפינט אַ היים —
ליד, ווערט זיין אייגנטום,
און געזעטיקט ווערט זיין געוויסן.

אין מיין רו־טאָג

מענטשן אין רו־טאָג זיי פּוצן די שטיבער,
ס׳פאַרוויילט זיי דער גלוסט דעם פאַרמעגן צו ציילן.
אין מיין רו, קומט מיין בענקשאַפט מיט ליד זיך דערהיילן, —
איז דעריבער די רו פאַר מיר, ליבער און ליבער.

איך בעט אין דער רו, אַז גאָט זאָל מיך בענטשן,
כ׳זאָל קענען צו גאַנצקייט, דערהויבן ליד־וועזן,
אין ליכט פון זיין שכינה צו ווערן גענעזן —
מיט מיין שליחות פאַרטרייבן די זאָרג פונם מענטשן.

און גרייט בין איך פאַלן מיט דורשט אויף די ליפּן,
צו קושן באַשאַף מיט דעם זאַלץ פון די טרערן,
צוזאַמען מיט ליד געאייניקט צו ווערן, —
ווי גליד, מיט גליד אין איין גוף זיך פאַרקניפּן.

אין מיין רו בין איך פלאַנץ וואָס זוכט זיך באַטויען.
אַז ליד צו ליד, זאָל מיין בנין, דערבויען.

דער ערשטער פּרואוו מאָנט תיקון

דער ערשטער פּרואוו פון מיינס אַ מאַנוסקריפּט איז זעלטן ציכטיק.
די וויזיע איז ווי אַ נעגאַטיוו פאַרנעפּלט, בלאַס,
אין די אַנגעלאָפענע שורות, פון יאָ, און ניט וויכטיק —
ווערן אותיות אַריינגעקלעמט. ווי ס׳טרעפט אין אַ גאַס

ביי אַ צעהיצטן שמועס, ווען מענטשן שטופּן זיך אין צווישן,
יעדערער טראַגט צו זיין חלק עפּעס צו דערווייזן.
זעט אויס מיין מאַנוסקריפּט, ווי אין אַ פּילפּול — אידן אַרום טישן,
ביז די וויזיע ווערט קלאָר, און דערגאַנצט אין דער פולער מעשה.

איבערגעלייענט. עס פאַרגיטיגט מיך — אין פּיבער
פון הנאה — מיין געשטאַלטונג. — — — — — נאָר עס טרעפט
אַז ווען אין בליי און אָפן פאַר דער וועלט, מיין ווערק גייט איבער —
מאָנט אויך תיקון מיין ערשטער פּרואוו פון העפט.

קאַלענדאַר ריסן

מיר רייסן אָפּ פון קאַלענדאַר דעם חודש בלעטל,
און זעען ניט, ווי צייט וואַרפט עס אַריין צו זיך אין טאָרבע.
און פילן ניט, ווען זי טוט אָן אויף אונז דעם אָנדענק צעטעל —
ביז וואַן מיר זיינען זוכה שוין צו זיין אין דער אמת׳ן געשטאָרבן.

אַזוי גרייט מען זיך חדשים־ווייז, יעדן יאָר, אין צוועלף צאָלן,
און ניט אַ יעדן איז באַשערט די זעלבע מאָס, אין קייט פון יאָרן.
און זי, די צייט, פירט רעכנונג, — אין איר קאַנטאָר פון טאָלן, —
מיט יעדן ריס דער ציפער שטייגט. ביז ס׳קומט מיט טויט, דער אָרון.

וועג אַהיים

מיט קינדס געבורט, געבערט זיין טויט. — אַזוי געזאָגט האָט איינער.
ניט מער, די געבורטן זיינען זיך צעשפּרייט, ווי מזרח איז פון מעריב.
נאָר ערשט ביים סאַמע סוף פון לעבן, — ווי צוויי עלענדע אַליינער —
זיי קומעןביידע זיך צענויף, און זיינען זיך דערפרייענדיק מקרב.

און שטאַרבט ווער יונג, איז דער טויט אַ יונגער. — און דער מהלך
איז געקירצטע שטרעקעס, צו זעען עס מיט די זשעדנע אויגן.
און שטאַרבט ווער אַלט, גענענט צו דעם אין ווייסן ליילעך
דער טויט אַן אַלטיטשקער. און ביידע גייען זיי אַ היים געבויגן.

באַלאַדע לוי

...און צייט האָט אַ גענעץ געגעבן,
איז לוי געבאָרן, געוואָרן.
וויל ער מיט לידער אין לעבן
באַזיסן דעם צער פון די יאָרן.

ווייסט גאָט, ווי זיין לעבן גייט שווער אים,
ווי עס פּייניגט אים אָפּטער דער שטן,
ווי דורך אַלע געהיימע געדערים
דורך ווײ, זיין ליד ווערט געקנאָטן.

ווייסט גאָט, זיין רחמים צו שונאים,
זיין שנאה, צום העסלעכן ליגן,
ווערט שעלטן אַ פּיינט אים אין פּנים —
זיין שמייכל, דעם סם ווערט באַזיגן.

און חלומ׳ן קען ער דער לוי,
פאַרוויגט ער זיין שלאָף מיט אַ זמר,
ביז ער פאַרבענקט זיך, אַזוי ווי
נאָך וואַסער, דער דנאָ פון אַן עמער; —

גייט אויף, — דורך גליאיקער בענקשאַפט —
מיט צייטיגן ברי צום געבערן —
אַ ניי ליד, פון אַ קוואַליגער ענגשאַפט,
און ס׳לעבן נעמט שענער אים ווערן.

אויף אַש זיינע האָר נעמט שוין ברענען,
כאָטש ס׳שטייט נאָך פון וויטן זיין עלטער,
און טיילמאָל, ניט זיך צו דערקענען —
אים דוכט זיך, ער איז אַ פאַרשטעלטער.

אַ לאַסט טרעגער פאַר זיין געזינדל —
אָן זיי, — דורך רייץ אַ באַנייטער —
דרייט אים דער שטאָטישער שווינדל,
און שטופּט זיין נשמה צום שייטער...

אָפּט טרעפט: ווען זיין וועלט איז צוריסן
און ס׳פאַלן אויף אים צער־פולע רגע׳ס,
וויל לוי זיין לעבן פאַרשליסן,
ווי איינער, וואָס שטאַרבט אונטערוועגנס.

לוי גאָלדבערג

לוי און לואיס

אין אַרבעטס־שעה,
מיט ברידער פון מיין צעך,
הערנדיק ניבל־פּה:
רייד, שיכור׳ע און פרעך —
איך פרעג זיך אָפט אין אומעט גראָ: —
דיכטער לוי, וואָס טוסטו דאָ?

— איך פוץ די ווענט,
און מאַך אַ היים באַקוועם —
פּאַר מענטש, וואָס נאָר געלט
איז זיין וועלט־באַנעם.
ער ווייסט ניט, אַז מיין טאָג אָט דאָ,
איך טויש פאַר ליד מיט אַרבעטס־שעה.

אָט באַלד, אָט באַלד
איז שווערער טאָג־רעזום.
צום טאָג, מיין אָוונט, שטראַלט,
ער פירט מיך צו מיין רום.
איך ווער אויס לואיס, פּאַך־געזעל.
און לוי, אויף אַ ליד, שטייגט העל.

וואָס איז ליד?

וואָס איז ליד? — אויב ניט בליץ פון דערזעאונג.
דערפילונג פון דורשט, — געשטילט פון אַ קוואַל.
אויף רעדער פון רייד קומט ניט אָן די דערקענונג —
וואָס דאַרף הויבן דעם זין, פון אַ גייסטיגן פאַל.

איז די פולע מאָס רייד, אין די לאַנגע פּאָעמעס
אַ ווינטיקער פּאָכן פון לאַנגווייל צום שלאָף.
זיי פּאַרטושן אין זין, דעם פלאַקער פון אמת,
וואָס דאַרף ווי אַ דימענט גאָר שיינען אין סטראָף.

אין אונזער מסיבה, לאָמיר ווידער אין לידער
הויבן דעם ווערט פון דעם איינציקן אות.
נאָכן אומגליק, זע! מיר דערטרינקען זיך ווידער
אין דעם מבול, פון אַ שטאַרקן ווערטער־גאָס.

אויפקום פון ליד

דער אָנהויב איז רוי־פּלאַן: —
טעמאַ.
און דערנאָכדעם, — בוי־פּלאַן
סכעמע: —
אָנוואָרף פון ליים און ציגל
געהילץ, און צעמענט.

מיט מיין פען — אַ גראַב־רידל,
כ׳שטעל אויף פונדאַמענט.
און מיש אויס די שטאָפן
צו קלעפּן די ציגל —
די שטאָקיקע סטראָפן —
אַ סאַך אויף אַ סאַך.

איך שאַרף אָן דעם הובל
צו שובן די ברעטער —
פאַר טירן, און פענצטער,
פאַר טרעפּן צום קלעטער
אויף אָנטאָן דעם דאַך.

און ווען פון דעם אויפבוי
דערלעבט ווערט די שעה, —
און אַלע מחשירים
וואָס נויטיג, איז דאָ: —

רוף איך —
די פשוט׳ע לייט,
פאַר ווועמען ליד איז
לעבנס באַדייט:

— „קומט אין מיין לידיקער דירה!
פון די גראַמע חדרים.
זיי זיינען געבויט
פאַר די, וואָס זיינען אָרעם,
און דאַרפן זונגען־שיין.
קלייבט זיך אַריין!".

זיי זאַמלען זיך אָן
מיט ווייב, און מיט קינד,
און מיין דירה שמ׳ט
מיט הויז־געזינד.
זיי געפינען דערין
שיינקייט און זין.

און ווען איך פאַרנעם
אין באַשייד, „עס איז גוט!"
טראָג איך זיך אָפּ
ווי אַן אורח טוט:

אַ מעשה דערציילט,
און ווייטער אין שפּאַן.
און ווידער קומט
טעמאַ,
סכעמע,
און ליד איז פאַראַן.

לוי גאָלדבערג

גייסטיקע ברויט

די ראַדיאָ גילט פאַר מיין שכן,
אים רייצט, גאַסן־געזאַנג מיט הנאה.
מיך, ציט צו אַ העפט, און מיט לידער
באַזין איך די אָוונטן גרויע.

איך צערטל מיט ליבשאַפט די ווערטער,
וואו איינס איז אַ חבר צום צווייטן.
און טיף מיט מיין אַקער־זכרון
מיט אותיות, פאַרזיי איך די בייטן.

און שעה ווערט פאַרוואַנדלט אין כשוף,
עס זינגען געמעטערטע קלאַנגען.
פון פרילינג צום האַרבסט, איז איין שפרונג נאָר, —
איך שנייד פונ׳ם פעלד מיינע זאַנגען.

איך בינד זיי אין גאַרבן, און איך בין
פאַר וועלט זייער ערשטער אַנטדעקער.
איך דרעש זיי אין מיל פון מיין האַרצן,
און מעל פאַר מיין ברויט — פולע זעקער.

ס׳איז גייסטיגער ברויט פאַר מיין הונגער.
אויך זעט, פאַר די מענטשן פאַרלאָזטע.
גאָט! באַזין אויך מיין שכן,
ניט שפייז אים מיט מעקענע, פראָסטע.

ליד פון גורל

ס׳באַוועגט זיך, ס׳באַוועגט זיך, ס׳באַוועגט זיך.
דער ראָד פון דיין לעבן, באַוועגט זיך.
דיין ליכטיקער שטערן, — ער פלעקט זיך,
און צייכנט דעם וועג, וואָס באַלד עקט זיך.

ס׳באַוועגט זיך, ס׳באַוועגט זיך, ס׳באַוועגט זיך.
גיי דרייסט אויף דעם וועג, און ניט שרעק זיך,
אין שוץ פון גאָט וואָס פאַרדעקט דיך,
ביים אמת׳ן ליכט, „ער" אַנטפּלעקט דיך.

ס׳באַוועגט זיך, ס׳באַוועגט זיך, ס׳באַוועגט זיך.
אָט באַלד זעסטו ראַנד, נאָר ניט רעג זיך.
„זיין" האַנט כאַפּט דיר אויף, און ער וועקט דיך,
„זיין" אויג היט דיר אָפּ, און אַנטדעקט דיך.

לוי גאָלדבערג

אַ ניט געשריבן ליד

די פען זשאַווערט אין האַלטער,
דאָס פּאַפּיר איז ווייס, ניט געלינט.
פון האַנט, די פינגער שלאָפן,
און ס'טריקנט אין טינטער די טינט.

דער זייגער טרייבט די ווייזערס.
די זון אויף די שויבן צורינט.
עס שלאָגן זיך ווערטער ווי שנאים —
און גאָרניט מיט גאָרניט זיך בינדט.

און אָט גייט אויף אַ דערמאָנונג.
ער צייכנט זיך נאָמען געשווינט.
אַ טונקעלע כמאַרע צושפּרייט זיך —
די ליכטיקע זעאונג, פאַרשווינדט.

דאָס ווייס פון פּאַפּיר דערשרעקט אים.
דורך גוף זיינעם לויפט דורך אַ ווינט.
דאָס ווייס, דערמאָנט אים אָן מאַרמאָר —
אַ שטייך, וואָס דעם לעבן באַזינט.

דעם נאָמען, אַליין זיך געצייכנט.
מיט קריץ פון'ם פען, זיך באַדינט.
פּה־נקבר, ווערט אָן אַנדערער שרייבן
מיט'ן לעצטן פאַרטריקנטן טינט.

אומגליקן ריידן

אויב מיר האָבן יאָ געהאַט אַ זין, —
איז עס פאַר׳ן ליד, פאַר דער מעשה׳לע, וואָס קומט אונז לייטערן.
דיכטער, די איבערשעפער אונזערע,
זיי נעמען אונז פון טהרה־ברעט
אַרויף אויף זייער שרייב־טיש,
און מיט פען־קריציגן גלעט
פון זייער שרייב־אַלכעמישן געמיש —
ווערן מיר פאַרבאַלזאַמירט,
און געהייליקט
צווישן טאָוולען אויף בלעטער
אין ליכט
פאַר שפעטער : —
אַז דורות, וואָס וועלן קומען נאָך אונז,
זאָלן האָבן פון וואַנען אייצווזאַפן
אונזער צאָרן, און געשריי ;
כדי
זיי זאָלן קענען זיין די אויפבויער
פאַר אַ ליכטיקערער צייט
וואָס מוז דאָך קומען.

ווייל אין תוך גענומען
האָבן מיר דאָך נאָר געלעבט אין די ציקלן
פון אַן הקדמה צו אַ מעשה,
די מעשה גופא דאַרף זיך ערשט פאַרנאַנדערוויקלען.
וועט עס זיין אונז — די אומגליקן —
און די דיכטער — די פאַראייביקער צו דאַנקן
ווייל דורך אונזערע פיינען וועלן די דורות זיין געהיילט.
און דורך אונזערע תפילות — זיין געלייטערט.
און אַלע מענטשן וועלן גליקלעך זיין,
אויסדערווילט
די אייביק דרייענדיקע ראָד צו טרייבן ווייטער.

אַ אידישער ראַבין־הוד

אַז איך קוק אַריין אין שפּיגל פון די אַלטע פאַרגאַנגענע טעג,
דערזע איך אַ מענטשן, וואָס פאַר זיין משפּחה איז ער געווען אַ פלעק.
אַ משומד? — חלילה! אַ גנב? — ניין, און אפשר יאָ: —
אַ פאַלש־מינצער! אַ פויגל אַזאַ, וואָס אָט איז ער דאָ, און אָט, ניטאָ.
אין אויסזען: פון נידעריקן וואוקס, און פול אין דער ברייט,
האָט געטראָגן פּאַנסנע, און אויף זיין זשילעט — אַ גילדערנער קייט.
ווינטער, אין אַ פּאַלטאָ פון קאַראַקול, פלעגט ער מיט אויפגעשפּילטן שטאָלץ
אין אַ צילינדער גיין, זשאָנגלירנדיק מיט אַ שטעקן, פון פּימסנהאָלץ.
אַזאַ איינעם, אַז מען האָט דערזען אין אַ געגענד וואו אָרים מ׳איז —
האָט מען די אַנונג געהאַט, אַז דאָס איז אַ פראַנט וואָס קומט פון פּאַריז.
(יאָ, שיר ניט פאַרגעסן זיין חסרון. אַ געבאָרענער מום,
ווי מענדעלעס „פישקע״, פלעגט איין פוס זיך אים נאָכשלעפּן קרום.)
געהייסן האָט ער ליפּע. און פלעגט זיינע זומערס, — ווי אַ מויז בייטאָג —
אָפּזיצן אויף רעגירונגס קעסט, אונטער וואַך אין שטאָטישן אַסטראָג,
פאַר אויסטוישן פאַלש געלט, און פאַר פאַרקויפן, — ווי אויפן ים אַ שלאָס —
בריליאַנטן צו די רייכע. פאַרבייטנדיק פאַר קוראַנט, מיט פראָסט געשליפן גלאָז.
אין זיין אָנטאָן, אַז ער פלעגט זיך באַווייזן אין אַ אָרעמער שטוב —
איז ווי אַן אוצר וואָלט אַ לויכט געטאָן אין אַ באַהעלטעניש פון אַ גרוב.
די טיר פלעגט מען צושליסן. דער קנויט פון לאָמפּ פלעגט ווערן אַראָפּגעדרייט,
דער סאַמאָוואַר פלעגט פיבערן, און די טיי פלעגט שפּיגלען געגילטערהייד.
און ער — פון אַ לעדערנעם טאַש, מיט דער גנאָדיגקייט פון אַ בעל שם
פלעגט אויסטיילן ברייט, אַסיגנאַציעס, מטבעות, יענעם, און דעם,
פאַר די איינגעלאַך שכר־לימוד, וואָס דאָרטן האָט תמיד אויסגעפעלט,
און אַ גילדערנעם אימפּעריאַל, זייער טאַטן, אויף האַנדל־געלט.
און ביז טיף אין זומער, פלעגט ניט פאַרבלייכן פון דעם הויז־געזינד די פרייד:
עס פלעגט אַראָפּשיינען, פון אַ ניי גאַרניטורל, פון אַ ניי געבלומטן קלייד,
פון אַן אויסגעשטריקטער שאַל, פון אַ נייע פּאָר שיוראָנע שיך,
און פון אַן מלבוש, וואָס דער טאַטע פלעגט אויך אָפּשפּאָרן פאַר זיך.

אויך פון אַ ניגון, ווען אין דעם שטוב דער רבי האָט זיין תלמיד אויסגעהערט,
ווען פון טאַטענס נחת, דער מאַמעס אויג האָט פרום געטרערט.
נאָר ווי געקומען אומגעריכט, אַזוי פלעגט ער פאַרשווינדן אויף אַ צייט.
„פאַרשיקט מסתמא אין סיביר" פלעגן טראַכטן די אָרעמע לייט,
אויך איך בתוכם, — ווייל טיף אין מיר באַהאַלטן, האָט געטליעט חשד :
אַז דעם פאַך האָט ער געדינט דערפאַר, ווייל ער האָט די רייכע פיינט געהאַט.
ווייל נאָר די רייכע האָט ער אָבגענאַרט, און די אָרעמע, גוטס געטאָן.
האָט ער דאָך זיין פרייהייט, פאַר זיי, איינגעשטעלט אין קאָן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַז איך קוק אַריין אין שפיגל פון די אַלטע, פאַרגאַנגענע טעג : —
זע איך אויפגיין אַ ליכט, אויף דעם אָרט פון יענעם פלעק.

לוי גאָלדבערג

אַ גרעניץ שמוגלער

געלעגן איז זיין נאָמען צוגעפּרעסט צו אַלע ליפּן, ווי להבדיל משיח ביי די פרומע אידן.
צו ווי אליהו הנביא, וואָס האָט זיך אָפּט פאַרשטעלט אַלס פויער, אויף די שטעטלישע יאַרידן.
ווייל אויסגעזען האָט ער גאָר אויסטערליש, ווי אויף אַן אויל־בילד, אַ באַראָן. — (די פאַרבן
זיינען דיק, ווי צוגעקלעפּט. און כאַאָטיש, שרייען זיי אַרויס דורך אַלע קאַרבן).

זיין קליידונג: צילענדער־הוט, און פראַק, און שיך, פון גלאַנציק סקריפּענדיקן לעדער,
אַ צוגעשניר'לטע פאַנסנע האָט אים פאַרשטעלט די פרעמדע אויג, און געזען האָט יעדער
ווי די הויט פון נאָז איז צוגעקלעפּט. די אויערן, האָבן אים געפלאַמט ווי רויע וואונדן.
שפּראַנדזשינענדיק האָט זיך אַ פוס אים נאָכגעשלעפּט. איין האַנט געהאַנגען איז ווי צוגעבונדן.

ווי אין אויסזען, אַזוי איז אויך געווען די באַפּוצונג אין זיין קליינער דירה.
אַזוי איז אויך געווען זיין לשון: אידיש־דייטש, וואָס אָפּט איז עס געווען ווי שירה
פאַר אַן עגונה, פאַר אַ יתומה, און מיט גאָר דערבאַרמהאַרציקייט, צו אַן אַלמנה,
בעת ער פלעגט אָפּמאָלן פאַר זיי דאָס לאַנד אַמעריקע, אויף זיין צעווירעטער דאַלאַניע.
—„ס'וועט זאַן וואָהל" פלעגט ער טרייסטן מיט אַ קול, מאַריאַנעטיש אויסגעצויגן, ווי אַ געניץ,
און ווי דורך אַ כישוף, פלעגט ביים נסיעה־מענטש אַוועק די זאָרגן פאַר'ן גרעניץ.

איז אויב מען האָט פון אים די וועלט גאולה ניט דערוואַרט, האָט מען אָבער לכל הפּחות
פון אים דערוואַרט דערלייזונג: אַז ווי רינגען וועט ער צונויפקייטלען צעריסענע משפּחות
וואָס האָבן זיך דורך סיבה'ס אויפגעקייטלט. און געלאָזן זיך אין פרעמד, דורך כוואַליעס.
און אַז גאַנץ וועט ווידער ווערן דער בונד, פון מאַנען מיט די ווייבער. חתנים מיט די כלות.

ער איז געווען אויסטערליש, זיין נאָמען איז געלעגן צוגעפּרעסט צו אַלע ליפּן.
און ס'איז געווען נס, וואָס גראָד ער, זאָל ווידער די נשמות נעמען קניפּן.

אַן „אינטעליגענט"

אייראָפּעאיש אָנגעטאָן, פּראַגטיש, האָט אונטער דער ווייכער שליאַפּע
זיין בלייך פּנים זיך אַרויסגעשיילט, ווי אַ פלאַך אינזל אויף דער וועלטס מאַפּע.
אָן דעם מינדעסטן סימן, אַז באָרד אויף דעם קען ווען עס איז נאָך וואַקסן,
האָט דאָס אויסגעזען, אַ גלאַטע ווייבערישע הויט, ווי מדבר־ערד, אָן רעגן שלאָקסן.
האָט ער, מיט'ן נאָמען „אינטעליגענט" אין אַ זייטיק געסל זיך פון מענטשן אָבגעריסן,
און אויסגעמידן, די שול, תנאימס, חתונהס, און ברית'ן.
און ווי מען האָט געשמועסט, איז ער געווען אַ מומחה אין די „טרייפע" ספרים,
אַזוי האָט אָנגעצייגט זיין גאַנג, תמיד מיט אַ בוך אונטערן אָרעם.
אַ משניות? זיכער ניט, דעם עין יעקב? אויכעט ניט. — אַוודאי
איז עס געווען גיכער דאַנטע'ס „גהינום", צו האָמער „איליאַדע".
אָפּגעשפּעט פון קינדער צוליב ניט זוכה־זיין זכות אָבות —
איז ער קאַרג געווען אויף לשון, ווי אַ קמצן אויף נדבות.
אַ שכן קאָלט באַגריסט, אין קראָם, — מערער אָנדייט מיט'ן פינגער,
ווי ער וואָלט געשעמט זיך מיט'ן קוויטש זיינעם, איז דאָס שוויגן אים געווען גרינגער.
דער גורל זיינער, תמיד זיין אַליין, און ניט אָנפּאַרטרויט צו קיינעם,
איז אים נאָכגעגאַנגען, ווי דער קלאַנג נאָך דעם באַרייד פון זיינע שכנים.
ס'האָט קיינער ניט געוואוסט דעם אָפּשטאַם פון דעם אויסטערלישן נסתר־שכן,
אין זיין מסיבה איז ער געווען אַ צווייג פון אַ בוים אַראָפּגעבראָכן.
אָן דער געבענטשקייט פון פּרוכפּונג, די אייביקע יניקה,
האָט ער געלעבט צווישן מענטשן. און איז געשטאָרבן ווי אַ רעטעניש בשתיקה.

לוי גאָלדבערג

אַ בעטלער פּאָעט

אַ בן־בית אין די רייכע היימען פון דער גרויסער שטאָט, פלעגט ער אויך אַ מאָל קומען צו גאַסט
אין אונזער קאָמערויקע. אין צילענדער־הוט און שטעקן, — ווי פאַר אַ מענטש אַזאַ עס פּאַסט —
באַגריסט האָט ער גרויס און קליין, מיט די ליבסטע ווערטער, וואָס האָבן זיך געפּאָרט צום גראַם.
פאַר חדרים־אינגלאַך אין זייער גאַסן־שפּיל, האָט ער מיט זיין געשטעל, פאָרגעשטעלט דעם תם
פון די פיר בנים פון דער הגדה. פאַר כלה־מיידלאַך: דעם פּרינץ פון שמר׳ס אַ ראָמאַן.
פאַר בחורים אין די וואַרשטאַטן, אַ פּראָטאָ־טיפּ, ווי ס׳דאַרף אין לעבן אויסזען אַן אָרעמאַן...
ער האָט געלעבט מיט דער פילאָזאָפיע פון „גם זו לטובה״. און ווען אַ שטוב פלעגט זיין אָפּרו זיין:
בעל־פּה, מיט זיינס אַ ליד, פלעגט ער זיך פאַרשיכרן, ווי פון עלסטן וויין.
און אויסגעטאָן פון זאָרג, פון היים, פון אַ דור, האָט ער זיין אין זיך ליד ערלאַך אָבגעהיט —
געלאָזט עס דינען, פאַר דער יצירה פון בוים, בלום, פאַר׳ן גראָז, און זומערדיקן צוויט,
און פאַר׳ן אומשולד פונם פוכיקן שניי, און פאַר דעם זילבער ס׳קריפּענדיקן פראָסט,
און פאַר זיין לעבן, וואָס אויף דער וועלט האָט אים זיין „ליבע״ אַן עלענדן געלאָזט.
דורך אָט די געזאַנגען זיינע פאַר אַרומיקע — דורך וואָרט צו טרייסטן זיך אַליין —
פלעגט ער קריגן אַ פּאָר גראָשן פאַר זיין הונגער, און אַ חוזק־וואָרט פאַר זיין ליד־געוויין.
און מיט אַ ביטול־קוק, ווי פון אַ מענטש וואָס טראָגט גרינג אויף זיך זיין שווערע לאַסט,
האָט ער אויסגעקוקט! אַ בילד, וואָס האָט זיך אין דער ראַם פון אַלט־צייט ניט אַריינגעפּאַסט.

נאַכט־שפּיל

מיט טונקעלן שלעפּ, באַגלייט פון לבֿנה,
איז אָונט אַראָפּ אויף דער שטאָט ווי אַ נאָנע.
און וואו נאָר געטראָטן, דאָרט האָט זי געלאָסן,
אַ טיוליקן שלייער, געצויגן אויף גאַסן.

איז ווי נאָר אַ פּאָרער, און וואו נאָר אַ גייער,
האָט זיך פאַרהילט אין דעם טיוליקן שלייער.
קינדער, פון שפּילן, — גרויסע, פון עולן,
האָט אָונט — די נאָנע, — ווי שאָטנס געמאָלן.

נאָר באַלד איז אַ שטאָטישער ליכט־פּלאָם אַריבער
אַ יעטווידן שאָטן, דורך שיין פון די שטיבער.
איז האָבן מיט טריט זיך צורעדט טראָטוואַרן,
און באָענט מיט שטערן, זיינען געוואָרן פאַנאַרן.

צו לעשן די ליכט־שיין, דעם אָפּרו מיט לידער —
האָט נאָנע געשטאָכן די בליקן אין נידער.
און ערגעץ געוואָרט, — ווי אַ גויע אין פּרייטיק —
צו לעשן דעם ליכט־שטראָם, ווען שלאָף־שעה ווערט צייטיק.

ווען שטאָט האָט פאַרנומען די שלאָפיקע שליטה —
די שטילקייט, אַזוי ווי דער טויט אויף אַ מיטה:
האָט אָונט — די נאָנע — געלאָשן די הייזער,
ביז טאָג האָט גערוקט פון זונגאַנג דעם ווייזער.

דער „טאָג" אַ שטיפערל

איבער די רונדיקע וועגן
לויפט אום דער טאָג, ווי אַ יעגערל.
פאַרנאַכט צו, נעמט ער אַ וואָלקן
און מאַכט זיך אַליין זיין געלעגערל.

ער צינדט אָן דעם קנויט פון אַ לעמפל
און שטעלט אים אַוועק ביי זיין וויגעלע.
און טרינקט פון אַ פולער לבנה
זיין מילך, אין אַ זויבערן קריגעלע.

עס דעקט צו דער שלאָף אים די אויגעלאַך
כאָטש דורכזיכטיג פייערלאַך בליצן אים.
(דאָס האָט זיי אַ ליכטיקער מלאך
געצונדן, אין שלאָף צו באַשיצן אים.)

איז שלאָפט ער אַזוי, ביז דער מלאכ׳ל
פאַרלעשט שוין די לעמפּעלאַך בונטיקע.
דערוואַכט דאַן דער טאָג — און ווי אַ יעגערל,
ער שטיפט איבער וועגן, די רונדיקע.

אַ גליד אין מיין משפּחה

אין טאָג פון האַנדל, אויף דער רירעוודיקער „איסט־סייד״ געטאָ,
לעבט אויף צוריק מיין היים, וואו אידיש לעבן האָט גערע׳שט אויף קליינעם שטח.
אָט קומט צום שפּיגל פון מיין אויג אַ זקנה, איינגעהילט אין אַ פאַרטשיילע,
צי איז זי ניט מיין באָבע? — איז ניט יענער גרייז וואָס זעט אויס ווי אַ חולה
מיין זיידע? — צו איז מיין ברודער ניט אָט דער, וואָס פּאַזע ברעג גייט אום פאַרשמייעט?
דער איד, ביים וועגל שניט־צייג, וואָס צוליב מסחר שטייט פאַרטייעט
די באָרד זיינע, שיור־געגרייזט, צי איז ער ניט מיין טאַטע? —
די אַלטע פרוי ביים קאָשיק בייגל, אין געבויגענקייט דאָרט, קוים אַליין אַ זאַטע
צי איז זי ניט מיין מאַמע? — און מיין שוועסטער — די, פון הויט און קנאָכן?
דערקענטעניש! מיט זיי ווער איך ווידער אייגעקניפּט. אַ גליד אין מיין משפּחה.

אין פענסטער פון אַ ספרים־קראָם

אַ מענטעלע הייגגט אויסגעפּוצט אַליין, ניטאָ פאַר איר די ספר־תורה.
די גמ׳רא טוליעט זיך צו אַ תנ״ך. דער ווילנער גאון, צו אַ מנורה.
ביי אַן אַלף־בית, געהויקערט, ליגט אַ דריידל. — ניטאָ ווער עס זאָל אים שפּילן.
אַן ערבה־כנפות פרום קושט די רצועות פון אַן אַלטע פּאָר תפילין.
אויפן בילד דער „וויכוח״, וואו איין איד איז אַלץ נאָך איינגע׳עקשונ׳ט
צו ווייסט ער, אַז זיין מחזור, און זיין סידור, ליגן דאָ פאַר׳משקנ׳ט?
אויך זיין עין יעקב, און זיין משניות. — נעבן אַ פאַרשטויבטן חיבור
„די שיינע העלענע״ — אין לעדער־באַנד — מיט אַלץ אַרום, קאָקעטיש קוקט זיך איבער.
אַ ספרים קראָם! וואָלקן איצט פאַרדעקט דיין הייליגקייט, דיין שימער,
און ס׳ווײנט אין מיר דאָס כזית אידישקייט אויף דיינע הייליגטימער.

לוי גאָלדבערג

אַ בריוו צום היסטאָריקער

אין מיין יונגן עלטער מאַך איך זיך נאַריש,
ווי יונג איז מיין אַלטקייט? אַ פּופּציק־יאַריקער!
און ווייל איך געהער צו דיין משפּחה ליטעראַריש —
שרייב איך זיך דורך מיט דיר, קרוב היסטאָריקער.

איך ווייס, דו וועסט קומען העט העט שפּעטער,
מיט אַ הונגער נאָך וויסן, — אַ ביכער־וואָרעם.
וועסט פאָרשן מיין דור אין די פאַרגעלבטע בלעטער,
און לייענען די פּה־נקבר׳ס, אויף שרייבערישע קברים.

איז שרייב איך צו דיר, ווייל עס קען דאָך פּאַסירן
אַז דוקא צווישן זיי, וועט מיין קבר אויספעלן.
ווען טויט וועט מיט קאַלטער האַנט מיך באַרירן —
קען זיין, אַז מען וועט מיר קיין שטיין גאַרניט שטעלן.

עס גייט מיך שטאַרק אָן, אַז דו זאָלסט מיך קענען.
ווייל וואָס האָב איך אַנדערש געהאַט אין מיין לעבן?
עגמות נפש פאַר דעם, וואָס מיין נשמה פלעגט ברענען
ווי אַ ליכט כדי דער וועלט מער ליכטיגקייט געבן.

איז פאַר וואָס עגמות נפש? — פאַר וואָס ניט דעם נחת?
פאַר וואָס ניט דעם תקון פון טאַט דעם באַזינטן? —
צו מאַנען אַזוינס, מיינט זיך שטעלן להכעיס
דער וועלט, וואָס שטעלט אַ פייג דיר פון הינטן.

צו קען מען פאַרשפאַרן דעם שפּראַץ פון געבערונג —
די מעגלאַכקייטן דורך שטיין צו פאַרהאַלטן?
אַמעריקע איז געוואָרן מיין היים, אָן פאַרערונג,
צווישן אונזערע דיכטער — לעגענדאַרע געשטאַלטן.

ווי זיי, כ׳האָב געוועקט דעם זין פאַר געזאַנגען,
געאַקערט די לידער אויף שטיינערנעם באָדן.
געוואָרט אויף דעם ברויט פון די אייגענע זאַנגען —
און האָפנונג געשפּונען פון אייגענעם שאָדן.

געוועזן איז קיין מאַרק, ניט געוועזן איז קיין קויפער,
פאַר טרייסט פונם ליד, ניט געוועזן איז קיין הערער.
דאָך האָב איך געשריבן מיט גלויבן מיין ספר —
ווען עול אויף די אַקסלען, געוואָרן איז שווערער.

אויך שוין אין דעם, פאַראַן די ישועה.
איז אָבער אַ צרה, וואָס צופיל — דאָס טויג ניט.
אַ דור יונגע דיכטער, אָן אַ היים קרוע־בלוע, —
דער אויפהיטער אונזערער, פאַר זיי האָט קיין אויג ניט.

(צו מאַכן דעם רמז, אָפענער, קלערער,
אַז זיין זאָל די טענה ניט איבערגעטריבן —
איז אויך דעם אויפהיטערס עובדא פיל שווערער —
אין תוך, ווערט דאָ אַלעס פאַר אים נאָר געשריבן.)

איז ווי אויבן געזאָגט, — און נאָר דאָס בין איך אויסן —
צוליב דעם, וועט דיר שווער זיין אויך מיך צו געפינען,
אויך איך שטיי ביים שוועל פון דער וועלט, אין דרויסן,
כאָטש גרייט איז מיין גייסט אונזער לעבן באַדינען.

איז אָט דאָ מיין אַדרעס: — אַ ברוקלינער תושב,
אַ שאַפער פון ליד, זיבט ניינצען אַכצן.
כ׳וועל געגרייצט, און ס׳פאַרכאַפּט מיך פון שרייבן דער כשוף,
און מענטשן באַזינגען איך מיט פרייד אין מיין האַרצן.

נאָך ביכער צוויי, קומט איצט אַ דריטער,
און צוזאָגן ביכער אויף ווייטער, ווי קען מען? —
איצטער איז אָוונט. און צו דיר אַ צעגליטער
שרייב איך מיין בריוו, ווייל איך האָב ניט צו וועמען.

צו וועמען זאָל איך שרייבן? — אַז וועלט איז איצט חרוב!
אין דער אַלטער היים, מיין גאַנצענע משפחה.
אַדיע, ווייטער היסטאָריקער־קרוב,
אַז דו וועסט קומען, ניט פאַרזע מיין מערכה.

אַ תפילה

אין פינצטערער מערכה, —
פאַרקניפּט אונז גאָט,
מיט אייגענע, צו אייגענע,
מיט משפחה, צו משפחה.
און בענטש אונז גאָט
מיט דער גנאָדיקער ליבשאַפט
פון איינעם צו דעם אַנדערן.

ווען די איינזאַמקייט — ווערן
קעגן דער דרויסענדיקער שנאה —
די שפּילענדיקע האַרף
איינצושטילן צער, און ווייטיק.

ווען די איינזאַמקייט ווערן —
אין גזירה־טעג —
ווען נויטיק, —
פון שלאַנגען דער גיפט,
פאַר יענע לייט,
ווען אין זייער רציחה, שרייט
אויף אונז די שאַרף
פון שווערד, און האַס.

אין פינצטערער מערכה —
פאַרקניפּ אונז גאָט,
מיט דיין גנעדיקער ברכה :
פון אייגענע, צו אייגענע,
משפחה, צו משפחה.

אין צײַט פון גזר

דריטע אָפּטײלונג

אין זיין עלענט, האָט גאָט אין אַ זעקעלע
אָנגעפּילט מיט דעם שטויב פון זיין ערד.
געפורעמט אַ קאָפּ ווי אַ דעקעלע,
צוויי הענט אויף די אַקסלען באַשווערט.
אויך צוויי פיס, צו באַטרעטן זיין ערד.

געגעבן אין באַק אים אַ קניפּעלע.
ווייל ס׳באַשאַף האָט אויסגעזען שיין.
ווי אַ קינד אַנטוויינט פון דעם ניפּעלע —
געלערנט אין וועלט אַריין גיין.
ס׳האָט געפּרואווט, און געוויינט יונג־געוויין.

נ י ג ו ן א י ן ו ו י נ ט

האָט מענטש, — דורך וואַקל און ציטערניש —
געזיכערט זיין טראָט אין דעם קאָן.
ביז זיין קול, פון עלענט, און ביטערניש,
האָט פאַר גאָט זיך אַ טרייסל געטאָן:
— כ׳וויל פרייד! און דאָס גליק טו מיר אָן!

ווייל אין פעלד, נאָך זיין יאַגד, קומט אַ נאָגעניש.
און זיין האַרץ, איז געביינקט, און נאָך ווי!
האָט גאָט באַלד דערפילט זיין צוזאָגעניש,
פון דעם ריפּ אים געפורעמט אַ זי,
פאַר זיין פרייד פון דער נאַכט, פאַר דער פרי.

ווי דער חומש דערציילט די געשיכטעלע
צי איך ווייטער — אין קיצור — דעם גאַנג.
באַוואַכט, פון אַ שטערן־ליכטעלע
האָט זיך אונטערגעצ׳גנב׳עט די שלאַנג.
און צו זינד, געוועקט דעם פאַרלאַנג.

קומט אָן אַ מענטשן פאַרמערעניש,
אין גריבער, מען שיצט זיך פון קעלט.
דורך זינד, קומט אַ מבול צושטערעניש —
און גאָט פירט שוין ווייטער די וועלט —
מיט מענטשן, און חיות אין פעלד.

לוי גאָלדבערג

דערפילט אַז אַ מענטש דאַרף רעגירן זיי,
האָט לאַנד זיך אַ קעניג באַשטעלט
מיט כלי־זין אין שלאַכט צו פירן זיי,
מיט פויקן, און מאַכט זיי באַפעלט.
און ברידער, פאַר שונאים צושטעלט.

פאַלן שטעט. אויך מענטשן געדייען ניט.
הרוגים, ביז׳ן הימל אַרויף.
ניט איין פויער, אין פעלד זיינעם זייענדיק
האָט מיט אַקער, פאַרטשעפּעט אַ גוף...
און דורך דורות, די שלאַכט הערט ניט אויף.

יעדע קריג איז פאַרשפּילט! — די אומצאָליקע
טויטע, געווינען דאָ שוין גאָרנישט־נישט.
קוקט גאָט אויף זיין שפּילצייג אַמאָליקן,
מיט טרער, און חרטה געמישט.
זיין טרער, אין זיין זאַמד, ווערט פאַרווישט.

ס׳וועט קומען די צייט וואָס איז האָפערדיק:
זאָגט נביא, גאָט׳ס שליח אויף דער ערד,
זי׳ט וועקן די שעה וואָס איז שלאָפעדיק —
צו גאולה, הייליק פאַרקלערט.
און גאָט׳ס פייער, וועט שמעלצן די שווערד.

צייט פון גזר

ס׳איז צייט פון גזר. — און גרויע וואָלקנס שוועבן.
און כאָטש אַ באַנומענער פון גאָט׳ס אָטעם איך טרעט זיין ערד, —
און איבער מיר שיינען שטערן — האָב איך דאָך צו לעבן
אין זיין ליכטיקייט, לאַנג שוין אויפגעהערט.

אויף גאָט׳ס פאַרמעגן איצטער דונערן קאַנאָנען...
רייסן אויס מיט בוימער וואָרצלען יונגע מענטשן פון דער ערד.
און קליין בין איך געזעכטיגקייט פון „אים" צו מאָנען —
פאַר וואָס זיין פנים האָט פון מיר זיך אָבגעקערט.

קברים אין די טיפענישן פון דער ערד, אין די ים׳ן גרונטן.
פעטע ווערים האָבן מאָלצייטן אין די זומפן פון דער ערד.
— נעם מיך גאָט אַרויף פאַר דיר צו וויינען. — ווייל אונטן
האָט מיין האַרץ צו לעבן אויפגעהערט.

לוי גאָלדבערג

קבר אבות

טאַטע ! איך וועק דיך פון קבר
מיט פּליסטער, קראַנק אין מיין נויט,
שוין ווידער אַ נייע מלחמה —
און ס׳קאָסטעט אויף לעבענס דער טויט.

ניט אַזאַ, ווי אין ניינצען פערצן
וואָס דו האָסט פאַרפעלט עס צו זען,
ניט אַזאַ, ווי רוס מיט יאַפּאַן —
ווען איך בין אַ קינד נאָך געווען.

אַ פּשיטה שוין מיט די טערקן :
אַ שטיוועלעטן געפּעכט, ביי אַ וואַלד,
וואָס מיט שוידער דיין אויג האָט פאַר׳חתמה׳ט
אין דיין מוח — צוועלף יאָר אַלט.

איך זע : ווי דו ציטערסט נאָך איצטער
ביים שויב, קעגן שנייאיגן ליכט,
אַ פינסטערע מעשה דערציילסט מיר,
פון גליוועך, ווערט קיל מיין געזיכט.

אין דמיון, פאַרשאָטענע קברים
ווערן אָפן, איך הער אַ געשריי
אין אַ טויטן־טאַנץ פון סקעלעטן —
— „רעגירער ! אַ מיתה אויף זיי !״

און דו פאַרענדיגסט די מעשה,
— מיין קינד ! האָב אמונה אין גאָט,
פאַר׳ן שלאָף דו לייען קריאת־שמע,
וועט פון שלעכטס דיך פאַרהיטן דיין טראָט.

טאַטע! כ׳האָב געלייענט קריאת־שמע
ביז שלאָף פלעגט פאַרליוליען מיין ברעם.
נאָר דער שד, וואָס שענדעט קדושה —
האָט הויך גע׳חוזק׳ט פון דעם.

און איצט — אין די טונקעלע יאָרן,
ווען איך טראָג דיין געשטאַלט, אויף מיין ביין, —
אין שרעק פאַר׳ן גורל פון קינדער —
קום איך צו דיין גרוב, מיט געוויין: —

— זיי אַ מליץ יושר, טאַטע!
דער רשע, ער סמ׳ט מיט זיין וואָרט.
אידן אין תפיסה׳ס, צו פייניגן —
אידן, אין גזירה און מאָרד.

גאָטס הילף אויף מיין היים האָט געוועלטיגט,
האָבן רויבער צושטערט מיר דעם נעסט.
מיין פעלד, אין מי כ׳האָב צעאַקערט —
אַ היישעריק, אַלץ איצט צעפרעסט.

אַ גליק, וואָס דיין רו האָט באַנומען
דעם סוד פון אייביגן שלאָף.
זיי אַ מליץ יושר, טאַטע!
דער חלף, ער וואַרט אויף זיין עוף...

לוי גאָלדבערג

BLACK OUT

די מויערן געצונדענע — מאָדעלירן זיך אין סילועטן.
און פינצטערניש דערמאָנט: שטאָק־נאַכט אין אַ וואַלד אַ טיפן.
פינקלענדיק עס לויכטן נאָר די וועלטן פון פּלאַנעטן
און דורך די וואָלקנס, רואיק די לבנה טוט זיך שיפן.

פּאַסן לאָמפּן־ליכט: זוך־סיגנאַלן קרייצן: —
אויף נעץ פון זיי, ווערט עראָפּלאַן, אַ פייער וואָרעם.
שומרים פייפן, ווערטער וואָרענען ווי בייטשן: —
— „ליכט לעשט אויס! פון מזרח, מערב, צפון, דרום״.

אין שטיבער פינסטערע, מענטשן טוליען זיך צוזאַמען.
אין מוחות גייען בילדער אויף, וואָס שאָדן קען נאָר אָנטאָן.
דעם שונה׳ס עראָפּלאַנען צינדן איצט די וועלט אין פלאַמען —
וויל ער נו־יאָרק דעםביישפּיל געבן, וואָס ער גיט איצט לאָנדאָן.

נאָר גליקלעכוויס איז פּראָבע איצט. אַלץ ענדיקט זיך געראָטן.
און ליכט פאַרטרייבט צוריק אַ יעדן טונקעלן שאָטן.

ר׳ עליע און זיינע איניקלאַך

ר׳ עליע איז געווען אַ איד פון משניות,
מיט אַ פּלייצע ווי אַ האַלבע רייף.
און מיט אויגן טרויעריגע, וואָס האָבן געפירט
זיינע הונגער־טעג, ווי מתים, צו לויות.
ער איז שוין מער ניטאָ אויף גאָטס לעבעדיקן הויף.
נאָר זיין אמונה איז דאָ.
זיין קדושה.
אויף די שלאַכט־פעלדער פון די סאָוועטן,
פאַר דעם אינזל־לאַנד מאַנהעטן,
זיינע אייניקלאַך גיבן — זיין בלוט,
וואָס איז צו זיי אַריבער בירושה.

איך בין עליע׳ס זון. — איינער פון די בריקן
צווישן אים, און זיי.
אויף דעם אידנס קערפער איצטער דריקן, שטיקן,
שונא׳ס טריט און צוואַנגען.
רייד איך אין מיין טיפסטן ווי: —
— ניט אין נידעריקן טיף שלאָפט מיין טאַטע.
ער איז אויף די שלאַכט־פעלדער מיט די אייניקלאַך געגאַנגען.
צי גאָר אויף אַ שיף
פעכטן קעגן שונא פאַר אַ וועלט אַ פרייער.

גאָט געטרייער!
היט זיי אויס צו ווערן שייטלאַך האָלץ
וואָס מען וואַרפט אין פייער.

לוי גאָלדבערג

93 תלמידות פון דער בנות־יעקב שול האָבן זיך פאַרסמט נאָכדעם ווי די נאַציס האָבן זיי געבראַכט אין אַ שאַנד־הויז.

פון די צייטונגען,
פעברואַר 1943

מיידלאַך־קדושות

וועלט! אָט איז אַ בריוו געשריבן צו דיר
פון מיידלאַך קדושות, — ווי איז מיר!
וואָס האָבן אין וואַרשע, דורך גזר און קלעם,
זיך גע׳כשר׳ט פון טומאה, דורך קדוש השם.
און איך פון דיין ערד, אַ שטאָפּעט פּאָעט,
טראָג דאָס בריוול דיר אָפּ, פון זייער טויטן־בעט.

און אָט איז דער נוסח: — ס׳האָבן געשטאָפּאָ־לייט
אַ שאַנד־הויז באַדאַרפט — אין משוגענער צייט —
פאַר דעם אַריער,וואָס זיצט אויפ׳ן „איבערמענטש שטול"
האָט מען אין געטאָ געשוואַרצט די בנות יעקב שול.
און תלמידות פון פערצן יאָר, ביז צוואַנציק צוויי
געדראָט פון ביקס, האָבן געפורמט אַ ריי,
ביז די ניינציק דריי, געהיט פון דער וואַך —
האָבן אין דעמער געטראָטן, דורך חיה׳שן לאַך.
און מאַמעס ביי פענצטער, און טאַטעס אין צער,
און עופה׳לאַך, האָבן געוויינט אויף דעם גזר.

און אָט איז די גאַס, און אָט איז די שוועל,
און אָט איז די הויז, וואָס דאַרף זיין אַ באָרדעל.

און טאָג האָט פון טרערן אַ טבילה געמאַכט.
גע׳טובל׳ט די מיידלאַך, און רו זיי געבראַכט.
עס האָט זיי געהייליקט פון צניעות די טאַט —
סם, וואָס זיי האָבן מיט זיך שוין געהאַט.

דאָס זאָגט אַלץ דער בריוו, וואָס די עלטסטע פון זיי
האָט געשריבן צו דיר, וועלט! אין איר ווײי.
און פאַרענדיקט: — גאָט איז נאָך אַלעס דאָ!
פאַר אַ נייעם בראשית, רייפט זיך זיין שעה.

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

ווײי איז מיר! וואָס איך, אַ שטאָפּעט פּאָעט
דאַרף דיר ברייַנגען דעם געררוס פון זייער טויטן בעט.

לוי גאָלדבערג

מאָרד־קאַמערן

גערויין, איז דאָס לשון פון יסורים.
גאָט ! נעם ניט אָפּ פון מיר אָט דאָס לשון.
איך האָב היינט געזען די הייליקע מתים.
די קאָלך־אויוונס — גיהנום פאַר אונזערע קדושים.
און מיין קוואַל פון טרערן, אים האָסטו פאַרשלאָסן.

די טרערן, אָט דער באַלזאַם פאַר ווייטיק,
זיי זיינען פון דער טיף ניט געקומען.
אין אָנבליק מיט גרוילן, פון גופים צעביינערט,
מיין קלאַפּענדיק האַרץ איז געבליבן פאַרשטיינערט, —
און דאַרשט נאָך אַ טרער, האָט געברענט אויף מיין גומען.

איצט בין איך אַן אָבל. און ס׳קומט ניט די לינדונג.
ס׳איז נאַכט. און מיין וועלט נעמט אויף פינצטער מיר ווערן.
גאָט ! לאָז מיך וויינען אויף דער וויסטער מערכה, —
איך וויים : מיט די מתים איז אויך דאָ מיין משפּחה.
עפן אויף מיין קוואַל, און הייל מיך אין טרערן.

צום מיט־מענטש

דו לעבסט אין אומגעדולד. און קענסט זיך ניט דערוואַרטן
אויף דעם גרויסן יובל־טאָג פון דעם גערעכטן שלום.
נעמסט מיט די האָפענונג מיט זיך אין חלום
נאָך די אַלע גרוי־געהילטע פּחד אויפדערנאַכטן.

דו מעסט די ריזן־טריט פון די זיגרייך־אַלאַירטע,
און ס׳דוכט זיך דיר, דאָס זיינען בלויז אַלץ שפּרייזן קליינע.
— עס זשיפּעט נאָך דער שלאַנגען־גוף פון שונא —
וואָס שפּייט מיט גיפט אויף וועלט, דורך ציינער אויסגעשצירטע.

דו ווייסט, מען רויכערט זיי פון אַלע חשד׳איקע באַהעלטערס,
ביז חרוב ברענען גרויסע שטעט ווי טרוקענע שפּענער.
(אונזער חכמה׳דיק סטראַטעגיע פירט דאָ אויס די פּלענער)
און קינד־ און קייט ביי זיי, געטריבן ווערן אין די שעלטערס.

דו לעבסט אין אומגעדולד. ווייל ס׳ווערן אַלץ נאָך אויסגעשניטן
ווי אברים פון אַ קערפּער, די יוגנד פּאַר נצחון.
און ס׳קען חלילה נאָך דיין קינד. דאָס קינד פון דיינ׳ס אַ שכן
אויף אַ פעלד וואו, פּאַר אַ מגן־דוד ווערן אומגעביטן...

ווינט מיט דיין הארץ, און קענסט זיך ניט דערוואַרטן
צו זען דעם זיג אין וואָר, און ניט אין חלום.
צו הערן פלאַטערן די ווייסע טויב פון שלום
אין נייעם מאָרגן, נאָך די גרויע אויפדערנאַכטן.

לוי גאָלדבערג

אין פאַרצווייפלונג

דאָס אייניקל, וואָס מיין טאַטע האָט פאַרטראַכט
אין קאַמערויקע,
(אַ הינטער גאַס פון אַ שטאָט אין דער ליטע.)
און וועמען איך האָב דאָ געהאָדעוועט
מיט פלעגע פון פייגל־מילך,
אויף אים האָט איצטער שליטה
די מאַכט
פון „יו עס עי".

אַ פיינער יחוס!
איז וואָס־זשע ווייַנט מיין האַרץ אויף דעם
ווי אין טאָג פון סליחות,
און שפּילט דעם קידער־ווידער,
און רייצט מיין מאַרך אויף לידער
צום געוויין
ווען איך בין אַליין?

פרימאָרגן, די ראַדיאָ זאָגט אָן זיגן אויף דעם שונא׳ס זייט.
און פאָדערט אויף דאָס לאַנד זיך צו באַטייליקן אין שטרייט.
איך זיץ אין דעם אַפּאַראַט אריינגעטאָן
מיט אָן אָפן אויער,
און ווי אַ קול וואָס שרייט אַריין אין אַ מיקראָפאָן
האָט פליכט זיך צעשריגן אויף מיין טרויער:
— נאַר!
עס איז געפאַר!

דורכן שטוב האָט דורכגעשוועבט מיין פרוי, אין געבויגנקייט
אַ שטילע,

די ליפּן בלייך
ווי ביי אַ פֿאַסטענדיקער אין אַ יום־כּפּור טאָג
פֿאַר נעילה,

אין די ווינקלען פֿון איר געקרויזטן קאָפּ
זיינען די האָר, אַ געראַטעניש
פֿון געבלאַנקטן שטאָל,
ווי דינער וואָל.
מיין פֿאַרצווייפֿלונג שטעלט איר אָפּ
און אַ טרייסט רייסט זיך פֿון מיין האַרץ צום גומען: —
— ער איז אַוועק —
ער וועט קומען.

נאָר דאָס אויג, דאָס גייסטיגע אויג,
(געוואָרן איז זי פֿאַרשאָלטן!)
זי זעט זיך אין אַ בילד פֿון אַזאַ מין ראַם:
אונטער אונזערע פֿיס קאָכט די ערד ווי אַ ים,
און די דעק פֿון אונזער שיף, איז אויפֿגעשפּאָלטן.

לוי גאָלדבערג

אַ שעה אורלויב

אין בלויען נייװוי־אַנצוג — פרײי פון פליכט,
איז מײן זון אין שטוב אַרײנגעקומען, אומגעריכט.
די מאַמע האָט אַ הילך געטאָן אַ פרייד־געשריי,
און ליבשאַפט האָט צענויפגעבונדן ווידער צוויי.
כ׳האָב אים געקושט, און געפילט, עס ווערט מײן האַרץ געקלעמט: —
עפּעס אייגנס,
עפּעס פרעמדס.

מײן זון, האָט פון זײן פליכט, און דינסט דערציילט,
מיט זיך, דער מאַמעס טיפע וואונד געהיילט.
די שטוב האָט ליכטיק פון זײן פּנים זיך צעשפּילט
ביז אונזער הייסער נייגער האָט זיך אײנגעשטילט.
כ׳האָב באַטראַכט זײן הויט, ראָק, און איבער־העמד: —
עפּעס אייגנס,
עפּעס פרעמדס.

ביים עסן, האָט אַ וואָרט מײן לעפל אָבגעשטעלט.
עס זאָגט די מאַמע שטיל, דורך טרער וואָס העלט —
— „אַזאַ אַנצוגל האָב איך דיר אַלס קינד גענייט".
איך זע די צייט, וואָס ווינט האָט לאַנג פאַרוויט.
אַ אינגעלע קוקט ליב אַרויף. — און דער, אין פרעמדן העמד: —
עפּעס אייגנס.
עפּעס פרעמדס.

געזעגנס־צייט. מיט שנעלע טריט האָט אַנגעקלאַפּט.
און ווידער שטייען מיר פון אים אַרומגעכאַפּט.
די דרויסן־טיר פאַרהאַקט זיך, קאַלט, און שווער.
און ער, — אָן אייגנטום וואָס איז דײנס ניט מער,
הילכט מיט טריט אויף טרעפּ. איך צייל זיי טעמפּ:
עפּעס אייגנס.
עפּעס פרעמדס.

אַרום וואָקזאַל

אין העכסטער פרייד איז דאָ אויך ווייטיק,
ו׳ראיה זע, די מאַמע וויינט:
ווען נאָ׳נט צום האַרץ, איר קינד, ברוסט־ברייטיק —
אַ העלד פון קריג, איצט שטייט געקליינט.

עס פרואוון שמייכלען זונס שוואַרץ־אַפּלען,
מען קלאַמערט זיך, ווייל צייט איז קורץ,
און האַרץ צו האַרץ, מען הערט זיך צאַפּלען —
ווען ליפּ קושט ליפּ, ווען שלוכץ הערט שלוכץ.

פיל־פאַרביק מיניען זיך געשטאַלטן
אין בינען־זשום פון דעם וואָקזאַל.
אין חלל האַלט ער טיף באַהאַלטן
דעם סוד פון גליק, און אומגליקס־פאַל.

באַנעמט די מאַמע טומל־לשון,
אין העכסטער פרייד, זי וויינט געשמאַק.
און פון די טרערן אויסגעגאָסן
עס בלישצען רעלסן אויף איר באַק...

איר גרויסער זון, פון שלאַכטן טעטיק,
שטייט מילד, — אַ קינד פון ברוסט אַנטוויינט.
אין העכסטער פרייד איז דאָ אויך ווייטיק,
ו׳ראיה זע, די מאַמע וויינט.

לוי גאָלדבערג

דער העלד

פון שלאַכטן פעלד, וואו אַלץ איז תל,
דער העלד, באַטרעט צוריק זיין שוועל.
ער קושט דעם ווייב, פון מאַמעס כריפּ.
ער גלעט דעם צוק, פון טאַטנ׳ס ליפּ.
די שוועל ווערט בריק, אויף טייכן וואו,
און גוטע שכנים שווימען צו.
און אַלע, אַלע קוועלן אָן
פון העלד, וואָס פריידיק טראָגט די פאָן:
סימבאָל פון גרויס־מאַכט; „יו עס עי״.
נאָר שכנים — בלינדע זיינען זיי,
זיי זעען ניט ביים העלד, די שרעק,
וואָס שרייט: גאָט! מיין זינד פאַרמעק.

צו מיין געבורט־שטאָט

(אין אָנדענק מיין שוועסטער מייטע,
מיט איר מאַן אַרע, און זייערע קינדער.)

מינסק! איך בין ווי דו אין טרויער. — וואָלט ווער געטאָן ביי דיר אַן „אויקע״
וואָלט איך דעם נאָמען היימישן, מסתמא אויף אַ פרעמדן גאָר פאַרביטן.
ווייל לאַנג איז שוין, זינט איך האָב ווי אַ כזית פון אַ ברויט, פון דיר אָפּגעשניטן
די לעצטע אָרעמאַנסקע גאַס דיינע, מיין יוגנד־היים: קאָמערויקע, —

די קרובה צו די הינטער גאַסן, ליאַכאָווקע, און פרעספּע:
קאָרידאָרן צו דער ווייטער וועלט אַרויס, דורך וועלדער, בלאָטעס,
די ערד, ווי טייג פון וועגענער צעווירעט. אין ווינטער, שניי־שליכאָטעס.
מינסק! אויף דיין קאָמערויקער מאַסן־קבר מאַך איך דאָ אַ הספד.

איך בין ווי דו, אין טרויער, ווען אין שטויב איצט ליגן דיינע פּראַכטן
אויפגעריסן דורך דער רציחה פון דעם שונא — בלוטיגן אַגרעסאָר.
נאָר גיך מיט גבורה וועסטו זיך אויפבויען, שענער נאָך און בעסער,
צו שיינען ווידער, ווי אין ליעסינס ליד: „ווילנער אויפדערנאַכטן״.

אויף תמיד וועלן זיין מיט דיר די יונגן, מיט הירש לעקערט אָטעם,
די יונגן וואָס דו כאָוועסט ביי די וואָרשטאַטן, און ביבליאָטעקן,
צו נייעם לעבן וועט דיין וואָך מיט זיי ווידער צו אַ יום־טוב וועקן,
אַ יום־טוב, וואָס וועט ניט איבערייסן רבי יעקב מאיר׳ס פאָדעם...

אין טרויער שטיי איך איצטער ביי דיין מאַסן־קבר אַ פאַרטרערטער,
און לייען אויף דיין טאָפל, איינגעקריצטע קדושים נעמען. —
אויך מיין משפחה צווישן אַלע טויזענטער. — מיר ביידע, ביידע קלעמן,
מיר ביידע שווייגן. — ווי קען מעןריידן אַז ס׳פעלן אונז די ווערטער.

כ'וועל זיך פרייען

וועז די פרידנס אַרמיי אין מיין שטאָט וועט אַרייַן,
וועל איך מיט זיי אין גייסט דאָרט זיין.
כ'וועל קושן — אין פלאַטער פון זיגרייכער פאָן —
די פאַרבלוטיקטע ערד, וואָס איך זע, און דערקאָן.
און אין דעם יובל, — ווענען ס'וועט זיין נאָר באַשערט —
וועל איך זוכן אָט די, וואָס מיין האַרץ האָט באַגערט.
און צווישן די העלדן — אין דיסציפּלין —
מיין שוועסטערס בראַווע סאָוועטישע זין.
און טאָמער חלילה זיי זיינען ניטאָ, —
כ'וועל זיך פרייען מיט די, וואָס זיינען נאָך דאָ.

פון מזרח צו מעריב, פון צפון צו דרום,
פון געגענדן רייכע, ביז געגענדן־אָרים.
כ'וועל שפּאַנען דורך שטאָט, פון טראָט מיינס דערקענט,
און קוקן אויף חורבות וואָס פלאַם האָט פאַרברענט.
און זען אין אַ רויך, וואָס קרייזלט אין רו
אַ רמז, אַז לעבן נאָך זשאַרעט זיך וואו.
און ביז איך וועל קומען צו מיין אָרעמער גאַס —
וועל איך האָפן: — אַז מיין שטוב האָט געמידן דאָס אַש..
און טאָמער חלילה די שטוב איז ניטאָ, —
כ'וועל זיך פרייען מיט די, וואָס זיינען נאָך דאָ.

כ׳וועל גיין צום ביתעלמין ווי אין תשעה־ב׳אָב.
און וועקן מיין טאַטן און מאַמען פון שלאָף.
דערציילן פאַר זיי, ווי ס׳איז גליק זיי באַשערט
צו ליגן באַזונדער אויף הייליגער ערד.
ווייל זייערע קינדער, — אין אַן איכה־געוויין —
האָבן די אייגענע קברים געגראָבן אַליין.
און אַליין די גריבער אָנגעפילט
מיט זייערע גופים, ווען דער בליי האָט געקילט.
און טאָמער חלילה, ס׳זיינען די קברים ניטאָ, —
וועל איך ריידן צו די, וואָס זיינען נאָך דאָ.

לוי גאָלדבערג

פאַרוואַנדלונג

באַלאַדע

נאַכט. אַ טויטער איד קריכט פון קבר אַרויס
און טאַפּט דעם וועג, צו זיין געוועזענער הויז.
זיין הויז־געזינד האָט ער דאָרט איבערגעלאָזט,
ער גייט זיי צו חלום, און עס וויגט אים דער פראָסט.
אים קענטיגט דער וועג וואָס בולט אין קאָפּ
ער גייט, ביז אַ ביקס פאַר זיין האַרץ שטעלט אים אָפּ.
— „וואו גייסטו יודע? — פרעגט אַ נאַצי־סאָלדאַט, —
גיין פון דער געטאָ ביינאַכט, מיינט פאַרראַט!"
— „ווי אַלע נעכט, — ענטפערט דער טויטער פאַרבלאַסט —
גיי איך פון דאַנען די קינדער צוגאַסט".
אין לופט אַ געלעכטער, ס'הילכט תהומיקער מויל,
און טיפער צום האַרץ, שטעכט די ביקס מיט זיין גרויל:
— „די קינדער? — פאַר טאַנקן געוועזן אַ מיראַזש!
דיין היים? — פון אַ באָמבע איצט רויכערט אין אַש!
אַט דאָס דערהערט, האָט דער איד זיך צעוויינט,
צוויי טרערן אויף דער ערד, דער פראָסט האָט פאַרשטיינט.
פאַרבלענט עס דעם שומר, ער גיט זיי אַ שאַר,
און מיינט ס'איז ברילאַנטן, אים קומט דאָך כאַבאַר.
הייבט ער זיי אויף, און אין קאָפּ גיט אַ ברי —
ער שענקט זיי זיין כלה, און גליקלאַך איז זי.
די דימענטן צוויי, איז די ווערט — אַ פאַרמעג,
פאַררייסט ער זיין קאָפּ, און דער איד גייט זיין וועג.
ווינט, און פראָסט, און מילך־וועג דורך נאַכט.
אַליין גייט דער איד אַהיים, און ער טראַכט.
אַ בייזע מחשבה ווי אַ שפּין זיצט אין קאָפּ,
די בשורה פון נאַצי, זי לאָזט אים ניט אָפּ.
זי לאָזט אים ניט אָפּ, ביז אַ ליכט גליט אַריין

אין די פינצטערע אויגן — ביים לבנה שיין.
פון וואַנען דאָס ליכט ? — ס'איז ניט פון דער הויך.
דאָס קומט פון זיין הויז, געוויקלט אין רויך.
עס ווערן די טריט אים האַסטיק געשפּאַנט,
ער איילט, און די קליאַמקע ווערט נאָענט צום האַנט,
און די טיר שליסט זיך אויף, און וואו נאָר געווענדט
האָט פייער קיין שליטה, ער ווערט ניט פאַרברענט.
וואָס ווייטער ער גייט, אַלץ מער ער דערזעט,
די חפצים פון שטוב, דעם טיש, און די בעט,
און דאָס הויז געזינד, — אין שפּאַנונג געפּאַסט, —
ווי מען דערוואַרט פון וועג, אַ ליבן גאַסט.
זיצט ער ביים טיש מיט זיין הויז געזינד,
און פון קוימען דער רויך, ער קרייזלט אין ווינט.

— — — — — — — — — — — — — —

פון ווייטן געפּלעפּט שטייט דער נאַצי, און היט,
ער זוכט די בריליאַנטן, און ער האָט זיי ניט.
געררייצט ווערט מיט יוכע זיין בלוט, — אין נאַכט,
ער שרייט: „דער איד האָט איין שווינדל געמאַכט".

לוי גאָלדבערג

היים־ווײ

אין איינעם אַן אָוונט, איז מיר געווען באַשערט
צוריק איינצואוואָרצלען אויף אייגענער ערד
אַ מענטשן, וועמען דאָ, די פרעמדקייט באַשווערט.

צו דעם, האָב איך גאָר קיין שיף ניט באַדאַרפט
וואָס שניידט מיט דנאָ — ווי אַ מעסער געשאַרפט
דעם ים, וואָס אַהערצו אַ בענקשאַפט צעוואָרפט.

דעם כוח פון וואָרט האָב איך בלויז באַנוצט
אויף אַ עלענדן מענטשן — אין היים־ווײ „געפּוצט".
אין אַ פּאַרק, וואָס האָט מיט'ן האַרבסט אים געשוצט.

אין שכנות מיט אים אויף איין באַנק כ'האָב גערוט,
איך פאָרש שטיל דעם מענטשן וואָס זיצט דאָ אַן מוט.
און רוף אַן אַ שטאָט, וואָס ליגט אין מיין בלוט.

די שטאָט גיט מיין שכן אין האַרצן אַ צופּ.
ער פרעגט, צי קען איך די גאַס, די שטוב
צופוסנס דעם באַרג, אין טאָל ווי אַ גרוב.

— איך קען! האָב איך גלייך אים מיין ענטפער געשענקט.
עס מורמעלט מיין שכן אין טרויער פאַרבענקט:
— „מיין יוגנד שווימט דאָרט ווי אַ טייכל געאיינגט"...

— „מיין טאַטע, מיין מאַמע, שוועסטער און ברודער,
די נאָענסטע מיינע פון היים, פון דער ליבער,
זיי לעבן אויפסניי איצט אין בלוט ביי מיר ווידער".

מיט דאַנקבאַרקייט גלעט מיך דער קלאַנג פון זיין שטים,
און כ'וועל מיט'ן פרעמדן באַהאַפטן, אינטים,
איך ווער אויך אַ פּאַקל, וואָס צינדט זיך פאַר אים.

ער שיילט אויס אַ דאַנק פון די וואַרימסטע רייד,
און ס'דוכט מיר ער גייט צו משפחה דערפרייט —
צום אַש, וואָס דער ווינט האָט אויף פעלדער צעשפּרייט.

צער

איך טראָג אין זיך אַ פּאַרציטערט פאַרטרויליך געוויין
פון אַן עלטערע פרוי, — זי האָט געגלעט דעם קאַלט פון אַ מצבה־שטיין,
בעת די אַרבעטער דערביי, מיט האַמער, און דלאָט, אין מי איינגעשוויצט,
האָבן נעמען, פון לעבענס געוועזענע, אויף שטיין צום אָנדיינק געקריצט.

דערביי האָט די גאַס געזונגען איר הילכיקע קרעמעריש ליד
פון אַרבעט און האַנדל, און ווי אַ וואָג־שאָל זיך געוויגט מיט אויטאָס און טריט.
און זי אין צער איז לאַנג געשטאַנען. — פּנים צום שטיינערנעם פלאַך —
ווי אַ שניט, ווי אַ ריס, פון אַ לאַנג שוין געוועזענע זאַך.

לוי גאָלדבערג

אַ מעשה שהיה

דער פּריץ, פאַר וועמען שייע האָט די שיך געניייט,
איז געווען ווי אַ דעמב, אי הויך, אי ברייט.
און שייע, וואָס דערגרייכט האָט ביז זיין שולטער, קוים,
האָט געפירט זיין וואַרשטאַט אין אַ קעלער־היים.
מיט ווילגאָץ ווענט, — אַ מילבן פעסט
פאַר הויז געזינד און אַ געזעל אויף קעסט.
מען דרייט די דראַטווע, און עס שטעכט דער אַל,
דער דלות, ער פייפט, אויף אַ הויכן קול.

פאַר׳ן פּריץ, אין קעלער־שטוב אַריינצוגייך,
איז די קרומע טיר געווען צו קליין.
איז פלעגט ער אין שויב, — וואָס געווען איז פאַרשטעלט,
ווי אַ בעלמע אויף אַן אויג, מיט שטויב פון דער וועלט, —
קלאַפּן מיט זיין שטעקן, ווי אַ רעגן גיך,
און רופן דעם שוסטער אין דרויסן, צו זיך.
פלעגט שייעס האַנט אויף דער קני : געניט
מעסטן די פוס, ווען די זון האָט געגליט.

ביי אַזאַ באַזוך, פלעגט שייעס ווייב
זיך פאַרגינען אַ ביסל צייט־פאַרטרייב.
איר שטים פלעגט גלעטן די קינדער צאַרט.
דער געזעל, ביים אַל, פלעגט בלייבן פאַרטראַכט.
ווען שייע ביים וואַרשטאַט פלעגט זיין שוין צוריק,
ווי אַ טויב, פלעגט פלאַטערן זיין האַרץ פון גליק.
אויפגעזוכט גיך דעם גרעסטן קאַפּול,
ווי אַ סטרונע געוועקסט די דראַטווע פון שפּול.

ביז די וואָך פון מי, האָט דעם שבת געבראַכט —
איז דעם פּריץ שיך שוין געווען געמאַכט.
אַזוי אַז דער פּריץ, ער ווערט שיך גערירט
פון דער שפּיגלנער שיינקייט, ווי שוואַרץ מאַרבל פּאָלירט.
ער דריקט צו זיך שייען, צאָלט אים מיט לויב,

— — — — — — — — — — — — — —

און אַזוי יעדן יאָר קלאַפּט זיין שטעקן אין שויב.
האָט זיך איבערגעוויקלט ווי אַ קנויל אָט די זאַך,
און געשמ׳ט האָט שייע : אַ מייסטער אין פאַך.

האָט געטראָפן אַזוינס וואָס דער פּנקס דערציילט.
מוסר, וואָס ווערט פאַר די דורות צוטיילט.
מעשה־שטן, קומט פּריץ אויף פּלוצים־באַזוך,
און כעסט, ס׳איז ענג אים געוואָרן אַ שוך,
ער בייזערט, און מיט האַסט ער שליידערט דעם בראָק.
און דער שוך פליט ווי אַ קויל אין שייעס באַק.
האָט דאָס שטעטל גערעדט — אין אָפענעם שאַנד —
אַז אים האָט צעבלוטיגט די מי פון זיין האַנט.

און זיין וואונד האָט געאייטערט ביז זיין טויט — פאַר די זינד
וואָס ער האָט מיט ליבשאַפט אַ שונא ישראל באַדינט.

לוי גאָלדבערג

רעפלעקס

פּאַר־פּרי, אין יאָגענדיקן רעש־וואַגאָן
האָט אַ שוואַרצע קראָ זיין בליק אַ פלעק געטאָן: —
אויף דעם האַלדז פון אַ יונגער דאַמע
האָט ער דערזען אַ צלמ׳ל: אַ גאָלדן פּליאַמע.

ער האָט זיך אָן זיין היים דערמאָנט.
די היים, די חרובה, איז אים געשטאַנען נאָ׳נט.

ער זעט: ביי אַ ראָג פון גאַס, אויף אַ הילצערנע עקסטראַדע
הענגט צוגעקאָוועט יעזוס,
און בלוט, גליוועט אים פון האַרצן.

גלחים, אין די גאָט־דינסט קיטלען,
ווי פּעטע ים־בערן אין שוואַרצן,
צלמ׳ן זיך,
און מעסטן פּאָרכטיק די שטילע טריט.
פּויערים, פון עקסטאַז צעגליט —
קנייטשן די לייווענטענע היטלען
אין די ציטערדיקע קני,
און צלמ׳ן זיך פרום, אין טאָג׳ס ליכטיקן פּאַר־פּרי.
(זייערע פינגער, ביי די קלאַפּענדע ברוסטן,
שפּרינגען אום ווי זשוקעס אויף פּרוכפּערנדיקע קוסטן.)
זיך, זעט ער אַ חדר אינגל, אין מורא נייעם,
פון אַלע ווינקלען, לויערט: קין.

דאָ, הי, אין דערוואַקסנקייט, שוין ווייסט ער,
אַז יעזוס׳ן האָט מען פון דער גאַס, אַריינגעפירט אין קלויסטער,
— — — — — — — —

און דאַמען קריסטלאַכע, זיי נעמען אים אַראָפּ
פון די שוי־פענצטער, אין די גאָלד־זייגערס געשעפטן,
טוען אים אָן אויף די העלדזער
כּדי מיט אים זיך צו באַהעפטן.

נאָר איצט איז גרויל־צייט, פון קידוש השם,
וויברירט אין אים זיין אינגעלשער באַנעם: —
איז עס אור־צייט אויף אַט דאָ
וואָס צעוואַקסט זיך פון גאָלדן פּליאַמע, גרעסער? —
איז עס קינ׳ס אויג, אין קרייץ,
וואָס בלאַנקט מיט שאַרף פון אַ מעסער? — —
איז עס פון נייע גזירה׳ס דער גערוך? — — —
דער וואָס זייהט דעם זאָמען פאַר דער שנאה,
דעם אַ פלוך! — — —
— — — — — — —

פאַר־פרי, אין יאָגענדיקן רעש־וואַגאָן,
האָט אַ שוואַרצע קראָ זיין בליק אַ פלעק געטאָן.

אין דערינערונג

1

אַן עול׳איקער טאָג אינדערוואַכן,
ווי אַ בעטלער מיט טאַרבע אויף קאַרק —
שטייט מיין שטוב, צווישן שטיבער אַ שכן,
אין אַ הויף, מיט געדרויש ווי אין מאַרק.

איז דער הויף ווי פאַר זיך אַ מדינה,
ווי אַ מענטש איז אַ וועלטל פאַר זיך:
מיט הינטלאַך, קעצלאַך, און הינער,
און אָרעמע קינדער אָן שיך.

עס זינגען „אַ רינג אין אַ ראָזע״,
יונגע מיידלאַך אין אַ ריטמישן שפרונג.
מיט זון, אויף די טויאיגע גראָזן,
וויגט זיך מיין האַרץ וואָס איז יונג.

2

מיט נאַכט, קומט מיין טאַטע געבויגן,
ווי אַ רייף, מיט פאַרהונגערטן גוף.
נאָר גוטסקייט וואָס פליִצט פון די אויגן
פאַלט אויף די קינדער אַרויף.

פון מסחר דער טאָג איז געענדיגט.
פאַרדינסט פון זיין לייזונג איז קאַרג,
נאָר ער מאַכט פון לעבן לעגענדע —
און ציילט אָן די גראָשנס אַ באַרג.

מיין נייגער דערביי איז פֿאַרחידושט,
דער טאַטע אין גליק־וואונש ער זוכט
אַ גראַשן וואָס קוקט אויס נגידיש, —
ווי גאָלד, וואָס בלאַנקט פֿונם צוכט...

איך לייג עס אַרויף אויף דאָלאָניע,
און זאָג: — „ס'איז אַ קליייניקע זון".
אין שויב קוקט אַריין די לבנה,
מיר דוכט זיך, זי קוועלט אויך דערפֿון.

3

פֿון יאָך איז דער מאַמען ניט גרינגער,
זי זיצט איבער אַרבעט, פֿאַרטאָן.
עס כשופֿט דער גילז אין די פֿינגער,
מיט טאַבאַק, זי פֿילט עס אים אָן.

אַז זיין זאָל פֿאַר ברויט אויף צוטוישן,
אויף אַ גרויפּ צו באַ'טעמ'ן אַ זופּ.
אין שטילקייט, איר אַרבעט נעמט רוישן
ביז ס'שלאָגט אויס פֿון זייגער אַ כרופּ...

דער פֿלאַם, פֿונם לאָמפּ נעמט זיך וויגן,
אַ רמז, אַז צייט שוין פֿאַר רו.
נאָר זי — דעם שלאָף צו באַזיגן —
זינגט שטיל, און איך הער זיך צו.

ס'איז געווען אַ ליד פֿון אַ פּרי,
וואו אַ וואָרעם זיצט רואיק אויף קעסט.
פֿון יענע נעכט, בין איך דער יורש, —
אין מיין ליד, האָט דער אומעט זיין נעסט.

4

און נאָך איז געווען אין משפּחה,
אַ שוועסטער, אַ ברודער, און איך.
דער ברודער, אין זיין מערכה,
האָט מיך, מיטגענומען צו זיך.

אויף אינזל ניו־יאָרק איז דער מזל
געזעסן, אונזערע לעבנס געהיט.
און צו זיי, איז געקומען דער גזלן,
זיי, האָט פאַרטיליקט דער שניט...

— — — — — — — — —

ווי קערן פון שאָלעכץ צו שיילן,
איז וואָרט איצט, וואָס קומט אויף מיין צונג.
נאָר מיין פען וויל ניט מערער דערציילן —
ס׳רינט בלוט, פון דערינערונג.

איצטער

לאָז דעם פּליט איצטער ריידן.
דו אַליין איצט שווייג.
נאָכגעשריי, פון בוים, דעם טויטן
דיר דערטראָגט אַ צווייג.

אַלע דיינע קדיש־ווערטער
קעגן זיינע רייד איצט קריצט.
דעם געשריי, קוים דאָ דערהערטן
דו פאַרמינערסט איצט.

זיינע ווערטער, בעסער קליידן
צייט, פון רוט, און בלוט.
שווייג! לאָז דעם פּליט ריידן —
פון אומקום, ברענגט ער מוט.

ל ו י ג אָ ל ד ב ע ר ג

דער פליט צו די אָפּגעפרעמדטע

איך קום צו אייך, און ברענג אייך וויסטע גרוסן,
מיט וואָרט געפּלעגעוועט פון בלוט צווישן ציינער.
פון משפחה, — ווי מיר וואָס איך דאַרף עס זאָגן —
בין איך פון צענדליקע, — געבליבן איינער.

איז דער „איינער" שוין מיט אייך, נאָר אייער האַרץ די זאַטע,
זי גריסט אים קאַלט. די פינגער, פראָסט אויף פלעקלאַך.
ווען חורבן האָט מיט טויט פאַרזייט אייראָפּעס פעלדער,
האָט אין אייער שייער, זויף־געטראַנק, געשוימט טאָג־טעגלאַך.

ס'איז אייער האַרץ פאַר אונזער קלאָג געווען פאַרשלאָסן.
דער קלאָג וואָס האָט געשפּאָלטן הימלען. — און איר אין די סאַלאָנען
האָט לוקסוסן געפּראַוועט, און אין דעם פרייד פון קאַרניוואַלן
ניט געקענט, און ניט געוואָלט זיך אָן די אייגענע דערמאָנען.

צו אַלע האָפנס טראָגן זיך צו אייך די הונגעריגע גרוסן.
די הענט וואָס שטרעקן זיך, זיי האָבן חתימות פון רציחה.
און איר, צו גאָר די תאווה טוט איר גנאָדיק שמייכלען,
ווי ס'וואָלט דער ציפער, זעקס מיליאָן, געווען אייך ניחא.

דאָס איכה־ליד פון אַלע מיתות וועקט דעם וועלט'ס געוויסן —
ס'איז אַן אָנגעשריבן בוך, איר עפנט נאָר דעם טאָוול.
איך קום צו אייך מיט וויסטע גרוסן צו דערמאָנען:
ווייסט! אַז יעדערער פון אייך, איז היינט אַן אָבל.

קינד אויף הפקר

אויף טראַקט פון אידיש לעבן, וואַלגערן זיך שערבלאַך פון געפעסן,
דער ברוך פון מעבל, ראָד פון וואָגן, — פערד אין זייער פגירה : —
פון דאַנען מיט לויות, האָט מען אַרויסגעפירט די מתים פון אונזער דירה,
געבליבן איז דאָס קינד אַליין, צו האָדעווען דעם שרעק פון די מעתלעת׳ן.

פון אונזער דירה איצטער וואַלגערן זיך האַלעוועשקעס : דערקאַנטע
אין שינדל פון דאַך, אין ברעטל פון אַ דיל, אין גלאָז־שטויב פון די פענצטער אירע.
מיט רויך צום הימל איז אַרויפגעשוואומען דאָס געשטעל פון אונזער דירה,
גאָט זיצט שיבעה דאָרטן, און טרויערט טיף נאָך אַלע זיינע נאָנטע.

נאָך שיבעה, וועט ער ווידער הייליק זיינע גנאָדן שפּרייטן,
אַריינראַמען אין קינדס זכרון קיום פון אונזער לעבנס־תכלית.
דערווייל צעטראָגט דער ווינט דאָס אַש פון אונזער נחלה —
און קינד אויף הפקר, וויינט אין הונגער, מיט אַלע זיינע נויטן.

גיב כוח אים גאָט, צו קענען שטיל אַריבערטראָגן
דעם זין, צום לעבנס דויער, נאָך דעם גרויל פון אַלע מיתות, —
צו קענען איצט פון אונזער טראַקט מיט וואָרצל אויסצורייסן רשעות,
נאָכדעם אויף נייער פרוכטבאַרקייט, מיט לויב דעם אָמן זאָגן.

לוי גאָלדבערג

צו אַ פּליכטלינג־קינד

א.

נאָך פֿאַר׳ן צייטיק ווערן, איידער נאָך עס רייפֿט די תּבֿואה.
ביסטו גרייט שוין פֿאַר׳ן שניט, אַראָפּגענומען צו ווערן פֿון דיינע פֿעלדער,
אַרויסגעוואָרפֿן צו ווערן, פֿון דיינע שפּייכלער, און אין אָנהאַלט פֿון אַ ישועה.
זיך טראָגן דורך שטורם ווינט, ווי אַ בוימל אַרויסגעריסן פֿון דיינע וועלדער.

און אין דער ערד, אַריינגעוואַקסענע, ווייגען פֿון זיין שטאַם די וואָרצלען אויסגעצערטע.
צום הימל, צווייגן־הענט געהויבענע, בענטשן דיר אין ציטערניש פֿון שונאים.
די האַק איז גרייט פֿאַר זיי. אין די ווינקלען לויערט שוידער שוין געהערטע,
און בוימער שכנים שושקען זיך. ס׳טראָגט ווער פֿון זיי אַ מאַסקע אויפֿ׳ן פּנים.

ב.

ביסט גרייט שוין פֿאַר׳ן שניט. און קריצט איין אין דיינע יונגע שטערן־קאַרבן
די זאָרג פֿון אייגענע, און שאַרפֿע שנאה צו די בלוטיקע פֿאַרטרייבער :
אין וועמענס לאַגערן, פֿון גסיסה־פּיינען, טאַטע מאַמע וועלן שטאַרבן,
אַדורך דעם גיפֿט און צאָרן־האַס, פֿון די צעיושעטע פֿאַרבלייבער.

מיט צעטל אויף דיין האַרצן, — צוליב דיין הערלאַכן פֿאַרהאַסטן יחוס —
באַווייזט זיך אין נייעם לאַנד : פֿון פֿרייהייט דעם גען־עדן.
די דעק פֿון שיף, מיט ליבשאַפֿט האָט דיך אָבגעטיילט פֿון די בלוטיקע רציחות —
גליקלאַך גריסן דיך די נאָענטע, אויף דיין אומגליקלאַכע צעשיידונג.

ג.

די קינדער־היים, דיר צאָלט מיט זויבערע באַקוועמליכקייטן
און מענטשליכקייט. — עס נערט דיר, בילדונג, וואַרימקייט און ליבע.
נאָר ס׳טרעפֿט : דו בייגקסט צו זען דיין ליבע היים פֿון ווייטן, —
ווי אויף אַ בריקל איבער אַ וואַסער, דיין שלאָף פֿירט דיך צו דיין שוועל אַריבער.

און בייזע שלאָף־בילדער זיך טוישן. — און ווען די כשוף־נאַכט נעמט צאַנקן,
דיר ווערט דער מאַרגן־דעמערונג אַ טאָפּל מיט פאַרטושטע קרייד־פיגורן.
אַ, מיט וויפיל דאַנקבאַרקייט, דיין נייער היים נעמסט דאַנקן,
וואָס האָט דיך אויסגעהיט צו זיין אין שרעק, און די געהיימע שפּורן.

ד.

עס טרעפט אין חלום: דו הייגסט זיך אָן מיט פרייד אָן טאַטע מאַמע,
פאַרפייניגטע אין דעם געמיט, און פאַרעלטערטע פון די יסורים,
און קושט זיי אויס די טרערן. — און אויפוויקלענדיק די פּאַנאָראַמע
פון דיין וואָגל־וועג. — דו מאָלסט פאַר זיי אַ זון־אויפגאַנג, נאָך אַ שטורם.

דערציילסט: די שיף איז דיר געווען אַ שאָקל־וויג, אַ שויס צו רוען.
די ים־ווינטן האָבן דיך געגלעט מיט אַ ריח פון העלע צוקונפטס־פאַרבן.
אין שלאָף האָט זיך דיר געוואָלט צו זען וואָס טאַטע־מאַמע טוען,
און אפשר הערן זייער אָטהעם־צוג, ווען ביידע וועלן שטאַרבן.

ה.

אַ לויב דעם פרייען לאַנד, מיט שפע, קערנער, און זריעה.
מיט גנאָד, די גרויסע מענטשלעכקייט, דיר העפליך צאָלט דעם גאָב.
דיר, ווי רעשט אַרויסגעראַטעוועט פון אַ גאָלדענער מטבע, —
(וואָס מען האָט פאַרטאָכלעוועט,) ווי אַן אוצר, מען היט דיר אָפּ.

די צייטן, וועלן פאַר דיר אויפזאַמלען אַ זכות־פאַרמעגן,
צו קענען אָפּצאָלן דעם מענטשנס ווילן, צוריק גערעכטן צינז.
אַ, פליכטלינג־קינד! מיין האַרץ אין פרייער וועלט, דיר טראָגט אַ וואונש אַנטקעגן:
צו ווערן דער סימבאָל ביי אונז, פון אַ שטייגנדן געווינס.

לוי גאָלדבערג

מיט נייעם אָנהויב

„גאָט און זיין משפט איז גערעכט". — — —
דער שונא האָט דעם זין פון ליד פאַרשוועכט.
דער שונא האָט געדראָט און געצילט זיין שפּיז,
איז פאַרוואונדעט איצטער אונזער פאָלק — אַ ריז.
איז קראַנק איצט צווישן צאַמען אונזער לאַגער — דור,
און בלינד, זיינען די היטערס אַרום זייער וואַר...
איז וועד־זשע וועט איצט לויבן דאָס גערעכטיגקייט פון „אים",
אַז אין קהל פון פאָלק, איצטער שטומט די שטים? —

— אַ קינד וועט לויבן; — ווען עס עפנט פרי די אויגן אויף,
פאַרגאַפּט מיט פרישן וואונדער צום באַשעפער הויך אַרויף.
און זעט — אין פוך פון וואָלקן — די זון אויף האָריזאָנט,
און צווישן שטערן די לבנה, ווי זי גריסט עס נאָ'נט.
און הערט די כוואַליעס פון ים רוישן אין די וויקלען שוים,
און זעט די פלאַנצן אויף די פעלדער, פרוכט פון בוים.
און אָנט דעם פלייס פון אַרבעט, ווען טאָג, ער הויבט זיך אָן.
אַ קינד, וועט טראָגן שטאָלץ דעם זין, ווי גערעכטיגקייט אויף פאָן.

עס וועט וואַקסן, ווי טויג יורנדיק דורך טעג און בעכט,
און ווייטער זינגען: גאָט און זיין משפט איז גערעכט.

רייד, אין דער מחשבה

די לאַנגע שיבעה־וואָך אין מרה־שחורה וועט באַלד זיך ענדיקן פון דויער.
און איינגעשטילט וועט ווערן אין מיין דמיון די יללות פון לויות.
כ׳וועל זיך אויפהויבן פון נידעריקן בײַנקל, זיך אויסגלייכן פון הויקער: — טרויער,
און ווידער אָנהויבן צו לעבן אויף מיין אייגענער אַחריות.

כ׳וועל צאָלן צינז דעם לעבן — אַזוי איז איינגעשטעלט דער סדר.
איך ווייס: אַש פון חורבות וואַרט אויף אָפּראַמונג דורך האַנט פון בויער.
ס׳האָט אָפּגעדונערט. — איך זע דער הימל בייט די שלייער־קליידער,
אַ רמז, אַז די פרייד גייט איבערנעמען די ממשלה פונם טרויער.

כ׳וועל אומבייטן מיין שטייגער לעבן, און אויפהיינגען די אָבל־קליידער,
אויף זיי די קריע־ריסן גליען הייליק: — כ׳וועל זיי האַלטן פאַר אַ סימן
פאַרן קינד, וואָס וועט פון בוידעם־לאָך זיך ווידער לאָזן גיין אין חדר,
און איך אַליין וועל ווערן מיט־מענטש, מיט פרייען מוט דערגאַנצן זיך צום מנין

פון די צענויפגעקליבענע, וואו יעדער טראָגט פון חורבן קריע פאַראָן עודת.
און אין קדיש נאָכאַמאָל צו הערן דאָס יאָמערן נאָך אונז, ביים אָרון קודש.

לוי גאָלדבערג

ווידער־לעבן

סאָנעטן־רינג

א.

ס׳וועט ווערן גוט דער וועלט מיט אונז צוזאַמען,
און הערשן וועט דער דין פון צען געבאָטן.
דעם פיינטס ממשלה איז אויף שטויב צעטראָטן,
און וועלט וועט ווידער פּאַסן זיך אין ראַמען.

פון קריג איז איינגעשטילט שוין מאָרד, גזילות.
שראַפּנעל האָט אויפגעהערט מיט פייער פליען
און עראָפּלאַן געהיים דורך וואָלקן ציען,
מיט לעבנס איינגעשטעלטע אויף משקולות...

פעלד און וואַלד וועט מער ניט חרוב ווערן,
דער בוים, געניצט פאַר צלם, מגן־דוד
וועט ווידער בליען, ווי געבליט האָט תמיד,
און צווייגן, וועלן פייגלס נעסטן ווערן.

צום אויפבוי וועט די זון די טעג דערפירן,
און גליק וועט טרעפן פריי צו אַלע טירן.

ב.

און גליק וועט טרעפן פריי צו אַלע טירן,
געעפנט וועלן ווערן שפּייכלער, סקלאַדן,
און דאָס באַהאַלטענע געווער, אין גראַדן
צום לעבנס־נוץ, פאַר שמעלץ אַריבערפירן.

זיך ווייזן וועלן ווידער זעג, און האַמער,
דער רידל, וואָפּנע, ציגל, ברעט און דלאָטע,
צו בויען שטעט, וואו ס'איז געווען גאָלגאָטע —
דאָס אָרט פון בלוט, געפּייניקטער געקלאַמער.

פּולסירן וועלן ווידער לעבנס־שטראָמען.
דער מאַרק, ער וועט יאַרידיש זיך פאַרוואַנדלען
מיט צייג, געשיר, מיט „ראָזשינקעס און מאַנדלען"
און זיין וועט שפע פול אין אַלע קראָמען.

די סוחרים וועלן ברייט די הענט צעפירן,
און שיפן וועלן סחורה ווידער פירן.

ג.

און שיפן וועלן סחורה ווידער פירן,
און לאָזן אין די האַפנס פריי די אַנקערס.
אָן קריגס־מכשירים, עראָפּלאַנען, טאַנקערס —
וועט ווייץ און וואָל די אַלע דעקן צירן.

און אָפּגעראַמט פון מינעס, איז דער וועג צו לענדער.
און די מאַטראָזן אויף די שטריק־לייטער
זיי שמייכלען צו דער זון. — און אין ליכט דערפרייטער
די מעווס רעש'ע קרייזן אין פאַרענדער.

און ביי אַ ראַנד פון לאַנד וואו פאָרט שטייט אָפן,
פון שיפן וועט עס אָפּהילכן אַ בשורה: —
עס קומט שוין תבואה אויף דורך מענטשנס גבורה!
וואָס וואַקסט אויף פעלד, וואו הײשעריק איז אַנגעלאָפן.

און הונגער וועט ניט קוועלן מער דעם מענטש צו סמ'ן.
און שטראָמען וועלן רייניקן די ימ'ן.

ד.

און שטראָמען וועלן רייניקן די ים׳ן.
די הימלען וועלן שירעמען באַנייטע
די שיפן, וואָס זיי פירן זין באַפרייטע,
אַ יעדער קינד, אויג אין קאָפּ פון מאַמען,

עס וועלן טעג זיך אויסציען אין וואָכן,
און נייגער וועט די מאַטאָרס העלפן שלעפּן.
צו פענצטערלאַך עס וועלן קעפּ זיך קלעפּן
ביים נאָענסטן ברעג, די טיכעלאַך צו פּאָכן.

און זייער פרייד וועט הילכן פון די תהום׳ן,
ביז די הימלען, און צו די וואַסער־שוועלן.
און וואו די שיף אויף אָפּרו וועט זיך שטעלן,
וועט צורוף־שריפט באַגריסן זיי: ווילקאָמען!

„ווילקאָמען״ וועט רעפּריינען מאָטאָרס שיפן.
די קללה וועט אַראָפּ פון אַלע ליפּן.

ה.

די קללה וועט אַראָפּ פון אַלע ליפּן,
זי זאָל אין מענטשנס לעבן מער ניט גילטן.
און וואָרט, וועט אויסראָטן דעם מאָרד צעשפּילטן,
אַז בונד פון גליק, עס זאָל זיך ווידער קניפּן.

די קללה וואָס זי שפּראָצט פון טייוולס יחוס
וועט נידערן אין הייל פון כף־הקלע.
און פון די בלוטיקע מסירות אַלע
פאַרן מענטש, וועט ווערן אָפּגעווישט שליחות:

שליחות, וואָס עס פירט צו מיטל־אַלטער,
מיט געטאָ־ווענט, גזרה׳ס, געלער לאַטע,
געשענדעטע טעכטער, און די לאַגער־גראַטע,
מיט מיתה־טעג, אין דער רציחה קאַלטער.

אויס כמאַרעס! זון וועט נעמען ווידער שיינען!
און מענטש וועט ווערן אויסגעלייזט פון פּיינען.

ו.

און מענטש וועט ווערן אויסגעלייזט פון פּיינען,
און פרייד וועט בויען נעסט ביי טאַטע־מאַמען,
ס׳וועט מער ניט שרעקן אָנזאָג־טעלעגראַמע —
אַז „גלאַרי״ וועט אויף זייער נאָמען שיינען.

עס וועט די „מאַם״ צום קינד ניט דאַרפן זאָגן:
אַז „דעדי״ איז אין קריג דאָרט אומגעקומען.
און האָט איר יונגע האַרץ אויך מיטגענומען
דעם וויסטן מזל זיינעם צו באַקלאָגן.

אַ כּלה וועט ביים חתנ׳ס בילד ניט דאַרפן וויינען
ווען אין איר חלום בלויז, זי זעט אים אָפּטער —
ווייל אויף אַ פּעלד, צווישן העלדן, שלאָפט ער —
טראַכט פון אויסוועג, זיך מיט אים פאַראייינען.

און האַרץ אין חשד וועט מער צו זיך ניט טענה׳ן.
דער מענטש וועט שטייגן קעגן זון צו שיינען.

ז.

דער מענטש וועט שטייגען קעגן זון צו שיינען,
ס׳וועט כּוח שטאַרקן אים צוריק זיין רוקן.
פון שונא׳ס בליק וועט מער זיין האַרץ ניט צוקן,
און פרייד וועט אים פאַרהיילן זיינע פּייַנען.

ער וועט זיין גורל־קייט מיט שטאָלץ צערייסן,
געפלעווקייט וועט זיין מערדערס האַרץ פאַרשטיינען.
אין דמיון, וועט דער טרויער מער ניט וואוינען.
און זיסער ניגון וועט זיך צום לעבן פלייסן.

יאָ, ניגון! גאָט צו דאַנקען — נאָכן שאָדן —
און אויפשטעלן דעם דאַך פאַר די יום־טובים,
דאָס אַש, צו קבורה פירן, פון נאָענטע, און קרובים,
נאָכדעם פאַר היימען צוגרייטן דעם באָדן.

און בויען. מיט אַ לויב אויף פרומע ליפּן.
אין משפחות, וועט די ליבשאַפט נעמען קניפּן.

ח.

אין משפחות, וועט די ליבשאַפט נעמען קניפּן.
ס׳וועלן חתונה׳ס — קימפּעטן דערפרייען.
ס׳וועלן באָבעס מיט די אייניקלאַך געדייען.
און זיס וועט זיין די חכמות אויף די ליפּן.

און ווען מיט יאָרן, ס׳וועט נייער דור זיך שטעלן
אַ גרייטער פאַרן לעבנס־מיל, זין באַלעבן —
עס וועט אין הייטער אויפשיינען נייער לעבן,
און גנאַד אין שטיבער וועט זיך ליכטיק העלן.

די פרייד פון אַרבעט, רו — איין רוף באַזעלטער.
ווי גאַרבן וועט זיך בינדן טעג מיט וואָכן.
און גרינג וועט זיין די משא פון די יאָכן,
און ליב וועט זיין די לאַסט פון ווייסן עלטער.

די צייט פון רייפן שניט. די האַרבסט־געבאָטן.
און דער פאַרזיי אויף פעלד וועט זיין געראָטן.

ט.

און דער פאַרזיי אויף פעלד וועט זיין געראָטן.
דער אַקער וועט פאַרקערנערן די תבואה־בייטן.
און זאַנגען וועלן אויפוואַקסן ווי קווייטן.
ס׳וועט אויפגיין שפּראָצונג ווי ס׳האָט גאָט געבאָטן.

פון זריעה וועלן אויפוואַקסן קאַרטאָפל,
אויך קרויט, און מערן, מיט שיינע פלאַנצן,
און מיט דעם רעטאַך, ציבעלעס אין קראַנצן —
וועט גערעטעניש זיך אויפהויבן פון טפל.

עס וועלן שטעלן זיך סעזאָן־יאַרידן,
וואו זיין וועט אַנגעגרייט דאָרט פאַרן קונה
די שפע פונם פעלד, און מסחר אויך אַ ריינע.
אַ נייער פויער וועט אויך זיין ביי אידן.

דער מענטש וועט אויפנעמען פון זעט, די גרוסן.
פאַבריק וועט שאַפן חפצים פאַר גענוסן.

י.

פאַבריק וועט שאַפן חפצים פאַר געניסן,
און הערשן וועלן הענט איבער מאַטאָרן.
אַ יעדער מין — נאָך די אָפּגעבערענטע יאָרן —
וועט ווידער שטעלן זיך ביים מענטש צופוסן.

און שיך און קלייד פאַר אַלערליי סעזאָנען,
וועלן זיך אין שויז־פענצטער באַווייזן.
אויך ווירטשאַפט, אייגנשאַפט פון שטאָל און אייזן,
און ס׳וועט פון זיי דער מענטש געניסן קאָנען.

די שרעק פאַר הארבער נויט, — דער וויסטער שרעק
וועט ליגן ווי אַ קראַנט אין דער ערד באַהאַלטן.
און איבער אַלע מיתות, גרוילן, גוואַלטן —
וועט אויפגיין אַט דאָס שיין־געבאָט: דרך ארץ.

דרך ארץ! אַ שפּרוך פון ליבע גרוסן.
כלי־זין וועט צעשמעלצן זיך אין פלוסן.

יא.

כלי־זין וועט צעשמעלצן זיך אין פלוסן.
און קעסלען וועלן זינגען: — „פּלאַי־פּלאים!
די הערליכע נבואה, זי ווערט שוין איצט מקוים".
עס זעט דער מענטש אויף קלאָר דעם נביא׳ס שלוסן: —

אין אויוון, ביי דער זון געבאַרגטן פייער,
צעשמאָלצן ווערט דער שטאָל־געווער אין פלאַקער.
און פונ׳ם אויסגוס נעמט זיך פורעמען דער אַקער,
די ערד זאָל געבן תבואה פאַרן שייער.

די וואָלן נעמען רודערן געניטע,
מיט אויפגערוישטן שטראָם פון דונער כוח.
עס גייט צוריק אין שפּאַן דער שאַרפער מוח.
געפורמט ווערט די קאָסע פאַרן שניטער.

און זע! שפּילצייגן, ליאַלקעלאַך אויף דראָטן.
און קינד אָן שויץ וועט מער ניט זיין געטראָטן.

יב.

און קינד אָן שוץ וועט מער ניט זיין געטראָטן.
זיין פּנים וועט זיך לויטערן אָן זאָרגן.
זיין שרעק, וועט מער ניט הויערן אין מאָרגן,
זיין גורל וועט אים היטן שוין פון שאָדן.

און מאַמע ליבשאַפט וועט צו אים זיך קערן
מיט וואַכונג ווידער, און אַ וויג־ליד ניגון.
געשטאַלט, און פאָרעם, וועט ער ווידער קריגן,
נאָכדעם, ווי שד האָט אים געוואָלט פאַרצערן.

ס'וועט אויפלויכטן דער חומש און גמרא.
דער לימוד — נעסט פון האָניק — וועט אים זעטן.
זיין נאָמען „איד" וועט מער ניט זיין צום שפּעטן,
און יאָרן וועלן קומען, — הימלען קלאָרע.

זיין וועג צו וועלט וועט דאַרן ניט פאַרצאַמען.
פאַרלירן וועט וועלטס פּנים אַלע שראַמען.

יג.

פאַרלירן וועט וועלטס פּנים אַלע שראַמען,
זי וועט זיך זען אין שפּיגל אויפגעהייטערט.
דעם זין, וואָס זי האָט אַלץ פון זיך דערווייטערט
עס קערט זיך אום צו איר, נאָך די אַלע פלאַמען.

ווי פון אַ דול־הויז צווישן זינען־קראַנקע,
די וועלט, זי קומט צוריק, און בעט פאַרגעבונג.
ס'בליט אויף צוריק אין איר „דער בוים פון לעבן"
מיט רייפע פּירות — זוניקע געדאַנקען.

אָ, וואָס איז דאָס אַלץ געווען? — ווילדער רצון!
דער שטן האָט גערייצט, און געטויט פאַמיליע.
געבראַכט דעם שטורם, וואו געווען אידיליע,
געצונדן שוועבל, וואו געווען איז שפּראָצן.

זי ווערט איצט אויסגעהיילט פון שראַט, און סמ'ען.
איך זע די פרייד, זי ברענגט שוין אַלע צאַמען.

יד.

איך זע די פרייד, זי ברעכט שוין אַלע צאַמען,
אַט ווי אַ שטראָם וואָס ברעכט אַ דאַמב. — אַ פרייע
זי זינגט אַ ליד הויך צו אַ וועלט אַ נייע.
עס פלאַטערט פאָן, וואָס וועט מיט מענטש זיך זאַמען.

זי גריסט דעם מענטש ביים אַקער און מאָטאָרן,
פון האַנדל־שיפן, און פון פראַכט־וואַגאָנען,
פון די פאַבריקן, — מענטשן אין מיליאָנען,
זי בענשט די פראַצע נאָך די שווערע יאָרן.

זיי בויען שטיבער, און צוברעכן גראַטעס,
זיי נייען קליידער, און זיי צאַמען רדיפות.
אויס מיתה־טעג! אויס שקאַרלאַטין! אויס טיפוס!
עס וועלן זיין נאָך, קינדער, מאַמעס, טאַטעס!

איך זע די פרייד אין ליכט פון בורא׳ס נאָמען.
און יונגע שטימען הער איך זאָגן: — אָמן!

יה.

ס׳וועט ווערן גוט דער וועלט מיט אונז צוזאַמען,
און גליק וועט טרעפן פריי צו אַלע טירן,
און שיפן וועלן סחורה ווידער פירן,
און שטראָמען וועלן רייניקן די ימ׳ן.

די קללה וועט אַראָפּ פון אַלע ליפּן,
און מענטש וועט ווערן אויסגעלייזט פון פיינען,
דער מענטש וועט שטייגן קעגן זון צו שיינען,
אין משפחות וועט די ליבשאַפט נעמען קניפּן.

און דער פאַרזיי אויף פעלד וועט זיין געראָטן,
פאַבריק וועט שאַפן חפצים פאַר געניסן,
כלי־זין וועט צעשמעלצן זיך אין פלוסן,
און קינד אָן שוץ, וועט מער ניט זיין געטראָטן.

פאַרלירן וועט וועלטס פנים אַלע שראַמען.
איך זע די פרייד. זי ברעכט איצט אַלע צאַמען.

לוי גאָלדבערג

אַ ליד צו די געטאָ־יאָרן

האָסט אויסגעטאָן פון זיך די פאַרביקע קאָרעלן, וואָס דיכטער האָבן אויף דיר אויפגעהאָנגען: —
ווייל קיין פרינצעסן ביסטו ניט מער. און קיין ציגיינערן אַוודאי. — אין די אידישע געזאַנגען
פון די מיתה־יאָרן, ביסטו אַ בעטלערקע, וואָס ווי אין תשעה־ב׳אָב זי שטייט ביים בית־עלמין טויער
וואַרטסט אויף קלונג פון צדקה תציל ממות, צו דערפילן „זיך", אין שווערן טרויער.

דו לעבסט אין זכות פון די „אָבל־זינגער" וואָס האָבן דיך באַוויינט מיט די מענטשן אומגעבראַכטע.
אין דער שאַרפער נויט, האָסטו ווי זיי, געבעטלט פון ברויט, די סקאָרינקעס פאַרדאַרטע.
איז ווי־זשע האָבן דיר געפּאַסט די פּאַטשערקעס אין ראַם פון איכה׳דיק געזאַנגען, —
בעת דיין באַקרוינטער קאָפּ, איז טיף גאָר ביז צו דער קאַלטער ערד געווען אַראָפּגעהאָנגען?

פאַראַרימט ליד, זע! דער הימל כשופט שוין מיט די רעגנבויגן פּראַכט קאָלירן. — — — —
און ווי אַ מאָל, — מיט יונגן רייץ, — וועסטו ווידער אין קאַרעלן נעמען שימערירן.

אין קלעם פון הונגער

פערטע אָפּטיילונג

אין וואָך פון אַרבעט, איר אין די הויכע צילענדערס
ווי קוימענס אויף דעכער מיט סאַזשע פּאָלירט,
מיט אַנצוגן שטייפע, הענטשקעס, און שטעקנס —
איר ווײלט אין אונזער מיט׳ן־וואָך אַרום, פּאַזירט
ווי אין געשעפטס־פענצטער, פון רעשיקע גאַסן,
די גיפּסענע מאַנעקינען, מיט די אַרויפגעשטאַרטע קעפּ.
און ס׳קוועלן אייערע שוך מיט אַ זוניקער גלאַנציגקייט
ווי די ערד וואָלט באַשטאַנען פון פּלושענע טרעפּ.
און גייט פאַרביי אייך דורך אַ מענטש אין אַרבעטער קליידער,
איז ווי צו אַ זשאַבע אין בלאָטע, איר קוקט אויף אים קרום.
איר נעמט אויף אַן אָנזאָג פון אים, אַ ניט געאַנטע,
אַז אייערע פלײשיקע ליפּן פאַרשנירן זיך שטום.
ווייסט ! איר מאַנעקינען אין די הויכע צילענדערס !
אַז ערד האָט בלאָטע, און ווינט טראָגט זיין שטויב.
און אַז אין גערוכן פון אַרבעטער קליידער
איז דאָ אונזער סם, אויף אויסראָטן רויב.

פאַרלאָזטער געגנט

אַ געגענט. אַלט, אויף קורצע שמאָלע שטרעקן.
דער זומער צינדט אין זיינע אינגעווײדן פיבער.
מיט נעגל גראַבלט זון די הויט פון אַלטע שטיבער, —
פאַרב, ווי קאָרע שיילט זיך פון די נאַסע פלעקן.

די קראָמען הויערן מיט ריח אומגעזונטן,
די טירן הענגען קרום, און קרעכץ איז זייער ניגון.
הוליאַנקעס אין אַ שפּייז־קראָם פּראַווען פליגן —
די קעץ דערביי מיט קנאה־אויגן, מיאַקען אונטער.

דאָ ציטערט קונהס האַנט, ווען מינדסטע פּרוטה
צערונען ווערט אין מסחר, ווי זאַמד צווישן פינגער.
דאָ קנייטשן זיך די פּנימער אין האַנט פון הונגער, —
די הויט ווי קלעי, גיט נאָך, פון פּאָטער, מוטער.

אַהער איז ווענערישע פּעסט פאַרלאָפן,
איר נעסט געזייט אין לייב, ביז קינד אין דער משפּחה.
אין אָנגעזיכט פון אייגענע, אין אָנגעזיכט פון שכן,
די מיידלאַך טראָגן דאָ פון שאַנד דעם צייכן אָפן.

בחורים ווילן דאָ אין שענק, אין די יונגע יאָרן.
ביז עלטער — צווישן גראַטעס — מאַנכע לעבן אָפּ ווי זינדער.
נאָר קומט אָן ניטל־נאַכט — די עלטערן און יונגע קינדער
מיט פרומע בוימער אין די פענצטער, בענטשן יעזוסעס געבוירן.

און ווען פון וואָלקן־ציכן נעמען זיך די שנייען שיטן
אויף דעכער, און אויף גאַסן, און אויף די ראַנדן פענצטער,
שליטלט דאָ די נויט: — אַ ווייסער גאַסט געשפּענסטער; —
איר אָטעם בלאָזט מיט פיבער, און וואו זי קומט ווערט שניטן...

לוי גאָלדבערג

יאַגד

מיט פּאַרטאַגיקע טריט,
גיי איך אויף יאַגד
אין שטאָטישן וואַלד.
און נישטער געהיים,
און נישטער געניט:
ביז איך ברייננ מיין געהאַלט
אַ היים,
אַ דערשאָסענעם טאָג.
נעמט אים מיט פרייד
מיין ווייב, אויף דער וואָג
פון איר נויט:
צוטיילט אים: —
אין פלייש, און אין ברויט,
אין שוך, און אין קלייד,
פּאַר איר, און פּאַר מיר,
און פּאַר די קינדער,
(ווי זי זאָגט) פון לעבן דער ציר.
און נאָכדעם פאַרבעט זי צו גאַסט
דעם שלאָף, וואָס וואַכט אַ הינטערן טיר.
שלאָפן רואיק, און זאַט,
אַ משפּחה, פון פיר.

אַז מיין ביקס איז ניט פלינק,
(ניט אַלע־מאָל געלינגט.)
און פון מיין שאָס
דער טאָג אַנטלויפט ווי אַ דערשראָקענער האָז.
קום איך אַ היים,
אינגאַנצן צושרויפט.
אַ היים, אָן אַ טאָג...
וויינען פאַרקלעמט
פון מיין ווייב, די הענט,
וואָס זי קען ניט צו טיילן, אויף דער וואָג
פון איר נויט,
אין פלייש, און אין ברויט,
אין שוך, און אין קלייד,
דעם טאָג,
וואָס איז פוקס און פיקס
אַנטלאָפן, פון מיין
אומגעלומפּערטער ביקס.
בלייבט שוין דער גאַסט, דער שלאָף,
אַ הינטערן טיר.
און ס׳קענען ניט שלאָפן —
די משפחה, פון פיר.

טעג אָן אַרבעט

די טעג אָן אַרבעט, פאַר דעם וואָס דאַרף פאַר לוין זיך מיען, —
זיינען פייגל אָן פליגל, וואָס קענען מער ניט פליען.
די טעג זיצן אין די שטיבער, די קעפּ מיט זאָרג געזונקען,
און זעען ווי זייערע שעהן ברענען אויס, ווי לעצטע פונקען
פון אַ שייטער, אויף אַ גליק וואָס איז מיט בראָך פאַרגאַנגען.
די פונקען מיניען זיך אין אַש, און שטאַרבן פון די ווינטיקע פאַרלאַנגען...

די טעג אָן אַרבעט, פאַר די וואָס דאַרפן פרוי און קינדער שפּייזן: —
זיינען שבעה־זיצערס נאָך אַ גליק. — זיי קענען מערער ניט באַווייזן
אויפצולעבן די געמיטער וועלכע זיינען ווייטאָגדיק, אָן מוט צובראָכן.
זיי זיצן אין דער פינצטער, און וואַרטן ביז ס'וועט אַ „טאָג״ אַ שכן,
מיט אַ דערבאַרעמדיקער ליכטיקייט, אַריינטראָגן אַ בייגל, צי אַ קוכן,
ווידער אויף דעם זשעדנעם גומען, דעם טעם פון עסן, צו פאַרזוכן.

די טעג אָן אַרבעט, אויף גוטע טעג פון אַמאָל געוועזן! —
זיינען היישעריקן אויף אַ פעלד, וואָס האָט די תבואה אויפגעגעסן.
פון די גרויע וואָלקן ביז צו דער טויטער ערד, רויכערט זיך אַ קללה.
און פון די הורבעס וויסט, ביז צו די לערע שפּייכלער, יאָמערט אַ בהלה.
און תפילות רייסן זיך צום הימל, עס זאָל כאָטש ווידער אָנהויבן צו בליען.
נאָר הימל ליגט אויף דער ערד, און בויגט דעם מענטש פאַר ברויט צו קניען.

וואָכעדיק

דער וועק־זייגער קלינגט און מינטערט
אין פאַרטאָג מיין פאַרשלאָפן האַרץ.
גאַס און שניי, דרימלט אין ווייס און שוואַרץ.
פון בעט דאָס ליילעך איז צעאַקערט פון שלאָף.
די לופט אין שטוב דורך די פענצטער ווינטערט —
מיין שעה צו מי איז אויף.

דער קראַן אין קיך איז נאָכגעלאָזט.
מיינע צוויי זשעמעניס פילן זיך אַן ווי קרעניצעס.
רעשטלאַך שלאָף, — איך צעגענעץ עס,
זייף אויף מיין פנים, אין גרינגע בלאָזן
טוט זיך אָן, ווי אויפן שויב דער ערשטער פראָסט,
דער האַנדטוך וואַרעמט צוגעלאָזן.

שפּיגל ווייזט מיך אַ צעשויבערטן.
מידקייט צייכנט באַ'עוול'טע יאָר.
טאָג פאַר'ן פענצטער דעמערט קלאָר,
זע איך מיין הויז־געזינד, אין געזעטיגטער רו.
איצטער גיי איך אויף אַ געזויבערטער,
אַן אַנדערער, פון אַנדערשוואו.

טרעפ סקריפּן מיר אויס אַ גוטמאָרגן: —
אַ קול אַן אומהיימליכער פון לאַנג באַקאַנט.
די גאַס ווי אַן אויטאָ־באַס לויפט צו מי געשפּאַנט
מיט מחנות — פון די דערוואַכטע הייזער.
איך טראָג זיך קעגן טאָג מיט וואָכיגע זאָרגן,
פון עול געבענשט, צו זיין אַ שפּייזער.

דירה־געלט

וועז פלאַטשיק קעפּעלע פון „לענדלאָרד״ הערט אויס זיין שכנ׳ס נויט דעם ביטערן.
פּאַרמירט זיך אין געפלעווקייט זיין שמאָלער מויל, ווי אַן אויפגעקנאַקטע יאַדרע.
זיין צונג ליגט שטיף. — נאָר די שמאָלע ביינער אונטערן הויט — אַ דינע קאָלדרע —
אין אַנפאַל פון אַ ספּאַזם, ווי אַ שניידערדיקער שער, הויבט אָן אין אים צו ציטערן.

די צוויי אויגן פינטעלאַך — מיניאַטורנע גרויע טאַנצענדיקע פילקעס —
זיי שפּרינגען אויף און אָפּ איבער חפצים, און אָבגענוצטן מעבל.
זיי שלאָגן אָן דעם טיש, — דערזען זיי: רעשט פון ברויט אַ לעבל,
זיין בלוט. קאָכט אויף מיט סם, דער „אוצר״, שטעכט אים ווי מיט שפּילקעס.

צוויי קינדער טוליען זיך צו מאַמעס שויס. — דריי שטייען אין אַ פּאַרווירונג
אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. ווי אויף בעטלער, טאַרבעס צו די שויסן.
אַזוינס שוין האָבן זיי ביי אַנדערע געזען: פון נויט, אַן אויסשטעלונג אין דרויסן —
איצט וועלן זיי מיט מעבל זיין אויך פאַר דער קאַלטער גאַס, אַן אויסצעניִרונג.

אַ בייזער שוואונג פון טיר, דעם „לענדלאָרד׳ס״ קול הילכט גראָב פון טרעפּן: —
ער וויס: געזעץ וועט גוט הייסן. ער וועט די שלעפּערס אויף דרויסן שלעפּן.

לוי גאָלדבערג

אָרעמע האָטעלן

פּאַזע יענער זייט פון רייכן שוימענדיקן לעבן —
עס שטייען אומהיימלאַך, אָפּגעלאָזן, אָרעמע האָטעלן,
מיט פענצטער, וואָס עס גלאָצן צו דער גאַס מיט בעלמע־אויגן,
און בלויז אַ מאָל, דערטראָגט זיך ווען אַן עלענדער צו זייערע שוועלן.

אַלטע טעפּעכער אויף טרעפּ, קרייצן דורך די טוכלע קאָרידאָרן,
און ס׳עסט זיך איין אין נאָז־לעכער דער פּריקרער ריח פון שטויב דעם גראָען,
פאַראַן נומערן אויף טירן, און די טירן זיינען סודותדיק פאַרשלאָסן,
די וואַש־צימערן בלויז שטייען אָפן: פאַר מענער, און פאַר פרויען.

די שטילקייט וואַכט דאָ אויף, ווען אָוונט גיסט זיך אָן מיט לעבן,
עס נעמען קרעכצן טרעפּ, עס נעמען אין די שלעסער שליסלעך קלינגען,
אַרויפגעזעצטע שויבן איבער אַלע טירן ווערן גליענדיק ווי זונען,
מען הערט: אַ מאַן מאָנט ליבע, און צו אַ שטומן מענטש, אַ ראַדיאָ נעמט זינגען.

דער מאַטראַץ אויפן בעט איז אָנגעצויגן לויז מיט אַ געשטרייפטן צודעק,
זיין בויך איז איינגעפאַלן, ווי די מעבל, און נאָך חפצים אַזוינע,
ביי אַ וואַש־טישל אין ווינקל שטייט אַ קרוג. פאַראַן דאָ זייף, אַ האַנטוך,
אַזאַ אומהיימליבקייט, אַז ס׳הויבט זיך אויף דער קאָפּ פון די קישעלאַך די קליינע.

מען גייט אַראָפּ אין לאָבי, דאָרט גרויט מיט מאָדנע געסט אין פאָטעל־שטולן,
און ווי אַ קלין, מען שפּאַרט אַריין זיך, איינער צווישן אַלע,
די אויגן אין באַזשורן ליכט, זיי גראָבן זיך, ווער אין חלל, ווער אין אַ צייטונג,
און פון די אויפגעקנייטשטע פּנים׳ער, שרייט די קללה פון כף־הקלע.

בלויז איינער זיצט געמיטלאַך ביי אַן אָפן בוך, — אַ שומר.
די פּען ביים טינטער וואַרט צו פעלשן דאָס געזעץ פון ליבע.
קומט אַן אַ פּאָרל : — טאַנצט די פּען אַריין אין רעכטן האַנט פון „איר" באַגלייטער,
און מר. און מר׳ס. „סאָ ענד סאָ", ווערט אין דעם בוך אַריינגעשריבן.

עס שושקען זיך מיט נייגער מינעס אַלע געסט אין די פאָטעלן,
און קנאה׳דיקע גלוסטונג דעם שאַרף פון פרויען פיס באַגלייטן.
עס שפּרייזט פּאַראויס דער אויפפּאַסער, און קלינגט מיט בונטע שליסלען —
דער קלאַנג ביי אַלעמען וועקט אויף באַגער, פאַר תאוהדיקע נויטן.

צוריק אין צימער, טריט פון יענער זייט דינער וואַנט טיקעט ווי אַ זייגער,
דאָס געמיט איז וואַך, שליגגט עס איין דעם שאַרף פון פרעמדע זאַרגן.
אין פענצטער טאָגט. — און אין די טירן צעשפּילן זיך די שליסלען —
מען הערט : ווי ביי די וואַש־צימערן, מען טוישט זיך מיט „גוט מאָרגן".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַזע יענער זייט פון רייכן שוימענדיקן לעבן —
עס שטייען אומהיימלאַך, אָבגעלאָזן, אָרעמע האָטעלן,
מיט פענצטער, וואָס עס גלאָצן צו דער גאַס מיט בעלמע־אויגן, —
אויך איך אין עלענד, האָב אַ מאָל דאָרט אָנגעשלאָגן, די קרומע שוועלן.

לוי גאָלדבערג

באַלאַדע פון וויליאַמסבורג בריק

אַריבער איסט ריווער — אויף שטאָלענע שטריק
ווי אַ ריז אַקראָבאַט, הייגגט וויליאַמסבורג בריק.
רונד, ווי אַ ריזיגער בויגען, און הויך
איז זיין לאַנגער, ברייטער, געשניטענער בויך.
האַלט ער ניו־יאָרק אין זיינע צוויי הענט,
און שטייף צו די פיס, איז אים ברוקלין געפענט.
שיילט זיך פון נאַכט־שאָל דער טאָג נאָר אַרויס.
שניידן אים באַנען, מיט ווילד־שטאָט געררויש.

און אמת איז דאָ אין דעם וואָס איך זאָג,
מיין עדות: איסט ריווער, אין שטילן פאַרטאָג.
מיט דעם וואָס איר פייער נעץ נעמט זי אַראָפּ
און לעשט אויס די יאַרמעלקע פון עמפייערס קאָפּ.
וויל אַ מענטש אויף דער בריק, אַ צעקלעמטער פון נויט,
האָט אין שאָטן פונם ריז, דאָרט געפונען זיין טויט.
אַרויף אויף זיין אָרעם — דעם געפלעכט פון שטאָל.
ביז ריווער צום תהום, האָט פאַרטראָגן זיין קול...

כ׳האָב געהערט. און גלויבט אין דעם אַז עס איז —
ווען ס׳טויכט אויף אַ טאָג, אַ געוויין הערט דער ריז.
פון אונטער זיין קאָפּ, ביי ניו־יאָרק וואָס שרייט.
ביז אונטער די פיס, פון דער ברוקלינער זייט, —
אַ געוויין נאָך אַ טאַטען, פון קינדער אַליין,
וואָס קומען אַנטקעגן דעם טאָג מיט געוויין.
און וואָס שלאָפן איין — ווען דער טאָג פאַרגייט —
אונטערן זאַטן טעם פון גע׳חולמטן ברויט.

און דערפאַר, — (גלויבט אין דעם וואָס מען זאָגט.)
אַזאַ צער האָט קיינמאָל דער ריז ניט פאַרמאָגט,
דערפאַר שטומט ער טיף אין דער נאַכטיגער גראָ,
ביז פון שלאָף וועקט זיך אויף, די מאָרגן־שעה.
און ווען עס צערעוועט זיך שטאָטס גרויסער געוועט
פון דעם רוישיקן האַנדל, פון פרי ביז שפּעט. —
איז דאָס זיין געשריי: שטאָט נעמט כוחות אויף באָרג!
און צאָלט זיי מיט טויט, פאַר דעם שטאָלץ פון ניו־יאָרק.

אַ מענטש אין רעגן

אימפּעדיקע שטרייפן רעגן,
ווי אַ זעג וואָלט עס צוזעגן —
פון דער הויך, אויף ערד אַראָפּ
יאָגן זיך אין אַ גאַלאָפּ.
און צעווישן רוים, און נידער,
אַ פּינטעלע, — אַ מענטש אַ מידער,
גייט אַנטקעגן רעגן־העץ —
ווי אַ ציל־ברעט פאַר דער נעץ.

טראָפּנס, טראָפּנס זיך צעאיילן,
שטעכן אים, מיט רעגן־פיילן
ווילדעווען מיט העכסטן האַס :
— הימלאָזער, אַוועק פון גאַס !
נאָר דער מענטש, — אַן איינגעשפּאַרטער,
הויט, און ביין, — אַן איינגעדאַרטער, —
ווי ניט אים וואָלט עס געמיינט,
גייט, ווי גאָט וואָלט אים באַוויינט.

לוי גאָלדבערג

אינצידענט

פאַרביי די טרעפּ, פון אַ בריק אַ הויכן,
וואו באַנען קומען אָן, און ווייכן אָפּ,
איז ער —
אַ דינער, און אַ בלייכער
מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ,
אין אַלטע קליידער איינגעוויקלט —
ווי עפּעס צום פאַרדעכטיקן —
אַרומגעגאַנגען הין און הער
צעשטרייט ווי אַ פּאָמפּעדיקל,
ווי ס׳וואָלט געווען אים שווער
די געפּלאַנטע טאַט באַרעכטיגן.

דערהערט דעם באַנען־לויף פון אויבן —
האָט ער — ווי אַ באַלון וואָלט אים געהויבן —
אַרויף די טרעפּ זיך אַ לאָז געטאָן,
און אָט — — — —
באַטרעטענדיק די פּלאַטפאָרמע
מיט אומרו אין זיין טראָט, —
זעט ער!
אין לאַנגע ליניעס
שטאָלענדיקע שינעס
ווי בלאַנק געשאַרפטע מעסערס,
אויף זיי, פון וויטן שניידט זיך
ווי אַ מאָנסטער, גרויס און גרעסער
אַ שוואַרצער סאָפּענדיקער באַן.
אַ קראַמף, האָט צוריק געשלעפּט זיין שפּאַן.
זיין מוט, האָט זיך פון אים אָבגעריסן,
אין אַ צעהיצטן פיבער
האָט ער זיין ליפּ ביז בלוט געביסן.

אָון ווען דער באַן־געלויף איז גיך פאַריבער
האָט ער זיין קאָפּ געקערט, צו רעכטס און לינקס.
און איז פון די טרעפּ — צווישן דורכגייער
אַראָפּ געלאָפן ווי אַ ספינקס.

זיך שילטענדיק, ווי ער וואָלט שוין זיין פסק געהאַט,
האָט ער די גאַס אַדורכגעשפּרייזט, ראַשיק אין קוואַדראַט.
ביז דער שיגעון האָט אים ווידער אָנגעכאַפּט ביים האַנט,
און דאָס מאָל שווער אים אַרויפגעשלעפּט אויף אַלע טרעפּ.
ער איז שטיין געבליבן, ווי אַן אַפּישע צוגעקלעפּט צום וואַנט.
צו זיין אַ ציל־פּונקט פאַר די וואַרטענדיקע בייוואוינער,
וועמענס קעפּ
עס האָבן קוים זיין זעלבסט־מאָרד אַקט באַנומען.

אַ ווייטער רודערונג פון באַן — — —
ווי פון אַ הינערפּלעט, איז ער צו זיך געקומען.
ער האָט פיבערדיק זיין אויבער ראָק צעשפּיליעט,
און מיט די פּאָלעס נאָכגעלאָזט, אַז אים זאָל גרינגער זיין צו פליען —
און מיט דעם באַשלוס וואָס ס׳האָט אין אים געטליעט —
האָט ער — ווי אַ מעווע איבער׳ן וואַסערפלאַך — זיך אַ הויב געטאָן,
און קרייצענדיק אַ שינע ווי אַ צלם —
פאַר די אויגן פון אַ טויט דערשראָקענעם עולם —
איז ער אַראָפּגעפאַלן,
ווי אין אַן אַלטן זאַק, אַן אויסגענוצטע זאַך.

און ס׳איז זיין גורל שוין געווען —
פאַ—ר—פאַ—לן.

דער קוילן־טרעגער

מען זעט ניט מערער דאָ ביי אונז אין לאַנד
דעם קוימענקערער.
דערפאַר איז שוואַרץ ביי אונז ווי ער —
דער קוילן־טרעגער.
אַן ווייב, אַן קינד, געקומען דאָ אַהער,
און אין אַ וויסטער שעה —
האָט ער זיך אין אַ גרוב, וואָס מען רופט קעלער דאָ
אַריינגעזעצט,
און אָנגעשאָטן, — צווישן ווענט וואָס פוילן, —
פאַר אַ ביינקעל,
פאַר אַ בעט,
פאַר אַ קישן —
אַ בערגל קוילן.

פאַקט ער זיינע שוואַרצע טעג אין זעקלאַך,
און טראָגט זיי ווי אַ האָרב
דורך שווערע יאָרן.

זיין שלאָף קומט שפּעט.
און דורך דעם שטויב פון זיינע אויגן דעקלאַך
טויכט אויף זיין חלום :
אַז געקומען איז זיין ווייב און קינד צו פאָרן,
און פאַר זיי, — ווען ער האָט האָלט, —
ציילט ער מיט די פינגער זיינע, דעם רווח, פון זיין בייטעלע,
און ס'איז אים גוט,
ווי אַ קמצן וואָס שלאָפט (ווי אים דוכט זיך,) אויף אַ זעקעלע גאָלד.

נאָר אים איז גאָרניט גוט אָט דאָ אין רייכן לאַנד.
מיט דחקות, גייט זיין לעבן האַנט אין האַנט.

מיט אַ לאַמטערנע קומט צו אים, דער באַגינען,
ער פאַרטרייבט זיין חלום.
און פון אַ שיסעלע וואַר, רייבט ער זיך די אויגן,
און סאַשזעדיק ווערט פאַר אים ווידער,
ווי די סטעלי,
ווי די ווענט,
זיין מאָנעענדיקער לעבן.

ער ציילט, און מעסט, די קוילן מיט אַ קאָרב,
און דורך אונזער גאַס טראָגט ער זיך
אויף סקריפּענדיקע טרעפּ,
אַרויף, אַראָפּ,
ווי אַ בעטלער, מיט אַ האָרב.

לוי גאָלדבערג

צום נעגער בויער

דו ווייסט ניט וואָס איז גוט, און וואָס איז בעסער,
דיין טאָג, פאַרזיגלט זיך מיט שלאָף, אויף טויזענט שלעסער.
אַ שיפּעלע מיט גליק, נעמט שווימען אונטער דיינע בריקן —
ביז מי וועקט אויף. און וואָר איז ווייטער גרייט, צום שטיקן.

און ווידער זויגט דיין האָר, דעם מאַרך פון דיינע ביינער.
אַ מידער אין דיין היים, איז ווייב און קינדער, — קיינער
און חלום טיילט דיר פרייד. און טאָג באַפאַלט דיר ווידער,
איז פרעמד צו דיין געהער, דער רוף פון אַלע שיינע לידער.

אַרום אַ וואַש־פאַבריק

פון נעגער שטאָם האָט אויפגעיערט פאַרשלאָפן מוט. — און מיט גערעכטע ווערטער
אויף אַקסלען אָנגעטאָן אַ רוף־פּלאַקאַט פון אַ סטרייקערן — אָן אויפגעקלערטע.
אַ גייענדיקע שילד מיט צוזאָג פון זעט צו הונגעריגע זין, און טעכטער,
אַ לאָזונג: שוואַרצער שטאָם דאַרף ווערן אויס גרויס־שטאָטישער געלעכטער.

און דורך פאַבריקס אַ שויב, שטאַרט באַלעבאָס מיט פולן פּנים פון אַ גולם.
און שטאָט־געזעץ, רויעט זיך אין דעם פאַרכאַפּטן נייגער פון אַ שוואַרצן עולם
פון אַ קלויסטער־הויז אין אַ ראַם פון גלאָז, שטראָפט דאָרט יעזוס מיט אַ צלם...

די פרייד וואָס כאַפּט מיך אָן אַ מאָל, ניט אַלע מאָל איז מיינע.
נאָר אַלע מאָל, אַ קנופּ איז דאָ, וואָס בינדט צו, צו מיינע, — דיינע.
אין אַ גאַס אָן אָרעמע, אין אַ גאַס ווי מיינע — — — —
כ׳האָב געזען: ווי אָבגעגאַרטע קומען צו דער וועלט מיט זייער טענה.

ל ו י ג אָ ל ד ב ע ר ג

שוואַך־מוטיקייט פון אַ נעגער

אויף אַ גאַס, וואו רעש'ע מיאיגקייט פון האַנדל שרייט,
האָט „אים", דורך אַ פענצטער פון אַ רעסטאָראַן,
גערייצט דער ריח פון אַ געבראָטן סטייק —
וואָס האָט זיך געפּרעגלט אויף אַ פּאַן אין אַ זודענדיקער פליסיקייט.
און בעת עס האָבן זיך אין פלייש
די בלוט אָדערן פון היץ צעפּלאַצט —
האָט דער קוכער־מאַן זיך אום־געשפּילט מיט דעם,
און מיט אַ זינגעוודיק געפיל
און מיט זעטיקייט אין בליק,
פון אַ וואָרף אַ הויכן —
אַריינגעכאַפּט דעם סטייק אין פאַן צוריק,
ווי אויף אַ פּאַטשער, אַ באַל אין טעניס שפּיל.

אים האָט גערייצט דער ריח,
און מערער נאָך דעם קוכערס זעטיקייט אין שטים
און מינוטן לאַנג, דורך זיינע נאָז־לעכער — געזעטיגט זיך מיט אים,
מיט אַ פאַרלאָרנקייט — אויף זיין יונגן לעדער־פּנים —
האָט ער לאַנג געזוכט אין זיינע קעשענעס די לעצטע לעכערליכע סימנים
פון זיינע מטבעות, וואָס זיינען לאַנג פון דאָרט שוין אויסגערונען,
און מער ווי זיינע נעגל, האָט ער דאָרטן ניט געפונען.

און אַז דער סטייק איז שוין אַ צוגעגרייטער מיט פּאַטראָוועס
געלעגן נעבן אַ מענטשן אויף אַ פלאַכער, ברייטער טעלער־שיסל, —
און דער מענטש האָט אים געגעסן מיט התל'הבות —
האָט פון דעם אינגעווייד צו זיין קאָפּ אַ הילך געטאָן:
עסן!
האָט ער אין אַלץ פאַרגעסן,
אַריינגעדרייט זיך דורך דער מיל־ראַד טיר צו אַ ווינקל טישל,
און ווי אויף שרויט געזעסן

האָט ער צו דער קעלנערן אויסגערופן:
— ברויט מיט קאַפע.

— — — — — — —

ניט געאײַלטערהייד, האָט ער זופּ נאָך זופּ געטרונקען.
פּאַמעלאַך האָבן זײַנע ווײַסע ציין דאָס קאָרן־ברויט געקנאַטן.
כאָטש אין אים האָט הויך זײַן הונגער אויף זײַן האַרץ געזונגען —
איז די פּאַזע זײַנע ניט געווען, אין אַ הונגעריקן מענטש געראָטן.
און ווען פון ברויט די ברעקלאַך, און פון „קאַפּ" דער דנאָ
האָבן אים געוויזן: אַז זעט פאַר אים איז שוין מער ניטאָ: —
האָט ער — מיט זײַן גאַנצער נאָכגעביגקייט וואָס אין אַ מענטשן איז נאָך דאָ
אַ זאָג געטאָן בײַם קאַסע־טיש, מען זאָל רופן אַ פּאָליציאַנט.
ווײַל פאַר אַזאַ לאַנד איז אַ מענטש ווי ער — אַ שאַנד!

לוי גאָלדבערג

אַ פידעלע אין פלאַם

— „זע! זע אַן אוצר"!
און האַסטיק שטעלט זיך אָפּ
אַ ניגערל. — זיין פּלייצע
צום מיסט־קאַן זינקט אַראָפּ.

ווערט אין „קאַן" באַהאַלטן
קאָפּ, ווי שוואַרצער מאָן.
אַ פידעלע אַן אַלטע —
די פינגער רירן אָן.

גיט זיך גלייך אַ צאַפּל
האַרץ אין יונגן גוף.
לאַמטערנעלאַך — שוואַרץ־אַפּל
אין טונקל, לויכטן אויף.

אַ פידעלע געפונען,
מיט אַ נאַקעט ברוסט.
נישקשה, ס'וועט ניגונים
צויבערן מיט לוסט.

אַ זאָל־אים, זאָל־אים, זאָל־אים,
פרייהייט זיין באַשערט, —
וועט ער פון הויך זיין חלום
ברייגנען אויף דער ערד.

— — — — — — — —

פריי־מאָרגן. קאַלטער דרויסן
בלאָזט מיט נאַסן דוך.
און פון הימל־שויסן,
שיט זיך ווייסער פּוך.

פאָלגט אים באַך זיין וועגל
אויף די רעדלאַך־צווייַ.
ער, — אין ים אַ זעגל —
שפּיגלט זיך דורך שנייַ.

— „מאַמע! זע, אַן אוצר!
כ׳וועל צויבערן אויף איר,
דיין פּנים, דאָס צעקנייטשטע
פון פרייד, וועט לויכטן דיר.

פון אור־שטאַם, אַלטע לידער,
פון פרייהייט, נייַע אויך.
גוט איז, ווען פון נידער
דערהויבן ווערט מען הויך".

— „קינד־מיינס! די יום טובים
אונז איז ניט דערלאָזט.
זע: ווי קעלט פון אויוון
בלאָזט אויף אונז מיט פראָסט.

זע, ווי מיינע נעגל
בלויען זיך פון קעלט.
האָסט פאַרשעמט דיין וועגל —
האָסט פאַרקלעמט מיין וועלט".

— „כ׳קען דיר ניט דערקענען!
אַ ליבע גוטע מאַם".
— — — — — —
ער זעט זיין חלום ברענען, —
אַ פידעלע, אין פלאַם.

לוי גאָלדבערג

אַרום פֿאַרשאָלטן ברויט

דער דאַמעס קול באַפּעלענד ברענט. שגעון אין אירע צוויי שוואַרץ אַפּלען.
און פֿון האַנט געמאַכטן שויס איר ווייסער פּודל פֿאָרשט איר טמ׳עוואַטע.
איך פּייפּער־הענגער, אַקראָבאַט אויף לייטערס אויף־און־אַפּעדיקע שטאַפּלען
פּוץ ווענט. אַן אַלטער נעגער רייניקט פֿאַרב פֿון שויבן, מיט אַ שמאַטע.

דער דיל קאַוויאָריק ווייך. די מעבל אויפגעאייגגט : — אַ הילצערנע אַסיפה.
אַרום די ווענט טאַנצט ווי אַ שפּין איך איינער : — פּייפּער־הענגער.
אויף דאַמעס בייזקייט צאָלט דער נעגער מיט אונטערטעניגקייט און חניפה,
איך מיט שווייגנדיקן שטאָלץ צאָל האַס, עגבערט מיך איר בליק, אַ שטרייגגער

אויף שויב, דער טאָג קושט זיך מיט זון, דורך נעגערס אָנגעשטרייגגטן ווילן.
און דורך מיין מי, די ווענט, מיט נייער פרישקייט צויבערט, רעדט.
דער דאַמעס מאַנענדיקער קול פירט הונט צום גאַס, זיין שמחה הייבט אָן בילן,
איך הער דער נעגער זינגט :

I am happy
I am on the way to death.

פאַרוואָס אַזאַ טויט?

אין אַ מיטן־ווינטער טאָג, פול מיט מיגיעַנדיקע פאַרבן —
האָב איך געזען אין גאַס אַן אַלטע נעגער־פרוי שטאַרבן.
אין איר מידן גאַנג, וואָס איז אויך געווען פון קעלט צונויפגעדרייט —
האָט פלוצים איבער אירע פיס אַ זעג געטאָן דער טויט.
מיט׳ן פּנים צו דעם הימל איז זי אומגעפאַלן, ווי אַ בוים
וואָס אַ שטורם ווינט ברעכט איבער. פון מויל, אַ ווייסער שוים
האָט זיך געבלעזלט ווי אַ רויך. די אויגן שטאַר פאַרגלייזט
האָבן הינטער אירע אויגן־דעקלאַך אין חושך־וועלט אַוועקגערייזט.
און אויסגעצויגן אין ווינטערדיקן גאַס, און רעש
האָט זי אויסגעזען ווי אַ פלעק, אויף אַ ווייסער גאַס.

דער דרויסנדיקער לעבן, אַרום איר, און אַריבער
האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי אין אַ קינאָ, ווען אַ פילם רייסט זיך איבער.
אַ געזעמל דאָרט האָט זיך געריעט גולמיש, אויף אַ וויל פאַרטראַכט,
און באַלד — דורך אַ טעלעפאָן — צום אָרט דעם אַמבולאַנס געבראַכט.
אַ דאָקטאָר האָט געניט איר האַרץ געפאָרשט. אַ פּאָליציאַנט
האָט ביי וועמען נאָכגעפרעגט, צי איז זי וועמען דאָ באַקאַנט.
און אַז זיין בייגער האָט ניט צונויפגעשטעלט קיין שפור —
האָט מען זי אַוועקגעפירט צום מאָרג, אין אַן אויטאָ־פור.

און מאָדנע, ס׳איז שוין דאָ אין דעם אַ קייט פון יאָרן,
און ניט אויסגעבלייכט איז דער אינצידענט אין מיין זכרון.
און מערער נאָך דערמאָנט עס מיך, ווען אין אָנגעזיכט
מיט אַ נעגער פרוי אין גאַס, איך טרעף זיך אומגעריכט.
פרעמד צו מיר, שלייכט זי דורך, פאַרשווינדט.
דער טויט איז דער געדאַנק וואָס מיט איר מיך פאַרבינדט.
און איך פרעג זיך: פאַר וואָס אַזאַ טויט, אין אַזאַ לאַנד,
אַ טויט, וואָס איז פאַר אונזער לאַנד אַ שאַנד.

אין ליכט פון אַ האַלבער לבנה

1

בראָני, אַ נידעריק פּופּצען יאָריק בעגערל,
(פון אונזער גאַס, דאָס אייז און קוילן טרעגערל,)
גראָבט מיט די זשעדנע הענט אין די ביידע הויזן קעשענעס,
און קלינגט (מעשה ספּאָרט)
ווי אַ קינד, מיט קנעפּלאַך מעשענע —
די אָפּגעשפּאָרטע פּענעס
די פאַרהאָרעוועטע, זיינע וואָס ער האָט.

קלאָנג, מאַגנעטיזירט אירענע׳ס
האַרץ, און אויער,
זי איז גרייט, (די פּופּצען יאָריקע מאַלאַטע)
פאַר אַ קופּערנע מטבעה
מיט „ליבע" אים צו דינען,
אָט ווי אַ מאַמע, מיט אַ טאַטע.
קאָקעטירט זי קעגן אים
מיט אירע נאָר־וואָס אויפגייענדיקע ברוסטן
ווי אין העלפט צעשניטענע טענדזשערינען,
און רייצט, זיינע אויפגעוואַכטע יונג־בחורישע גלוסטן.

2

אירענע פרעגט :
האָסט מיך ליב, בראָני ? — — —
— זאָג : ווי אַזוי זעסטו דעם הימל ?
— כ׳זע, אין זיין ליכטיגקייט אַ וואוינונג,
און אין דער האַלבער לבנה —
פון דיין מויל, די געטאָקט־ווייסע ציין.

אין די וואָלקנס, זע איך פוך, —
פוך, פון אַ פּאָר׳כישופטע בעט.
כ׳האָב דיך ליב אירענע.

בראַני פרעגט:
האָסט מיך ליב אירענע?
— זאָג, ווי אַזוי זעסטו דעם הימל?
— אין אַ לאַבן ברויט איינגעטונקט אין קימל!
און די האַלבע לבנה אין די וואָלקנס —
זע איך, ווי אין איינגעזייפטן גרעט
אַ ווייסן קאָלנער.
כאַ, כאַ, כאַ, כאַ!

איז בראַני אַ קאַוואַלער ניט קיין פאַלנער.
און עסן, עסט ער קיינמאָל צו זאַט.
און אירענע —
דורך דעם קלאַנג פון זיינע קעשענעס — מיינט
אַז ער איז אַ מאַגנאַט.

לוי גאָלדבערג

קעשענע גנבים

קעשענע גנבים, אַט די גענ יטע לייט,
מען האָט זיי לויט דעם קרומען וואונק דערקאַנט.
ס'האָט יעדער אויסגעמידן זיין מיט זיי פון באַ'נט,
די תפיסה פלעגט זיי אָפט פאַרהאַלטן אויף אַ צייט.

און רויב איז ניט געווען געצילט צום אָרעמאַן
וואָס לעבט אויף פּענעץ ברויט, און מיינט עס איז זיין שולד, —
נאָר צו דעם גביר, וואָס איז פון שפע איבערפולט, —
צו אים, געצילט פלעגט תמיד זיין געהיימער שפּאַן.

און דאָ אין רייכן לאַנד איז אַלץ פאַרקערט.
צום אָרעמאַן אין קעשענע, קריכט גאָר דער מאַגנאַט,
און געזעץ באַשיצט אים, פון זיין גנבה־טאַט,
און ניט די תפיסה־צאַם איז אים דערפאַר באַשערט.

נאָמען ווערט צונישט, און לעבן ווערט צעשטויבט,
ביי דעם וואָס איז פון רייכן גאָר באַרויבט...

מאַי־פּאַראַדן

רויטע פאָנעז. — רוף פלאַקאַטן,
און מאַרשירענדע אַרמייען.
מענטש נאָך מענטש, פון דאָרט, פון דאַנען,
אין די פולע מענגעס, אָנען,
אַז די גאַסן גייען.

האַנט, און פאָן, מיט מוט געאַרמט.
שפרייזן שטאָלץ די קעמפער ראָטעס : —
מאָנענדיק, די פויסטן ביילן.
— דאָס גייען פון די וועלט די זיילן !
זריעה, פון די בלאָטעס.

יום־טוב׳דיקע מיט באַוואוסטזיין
טראָגן זיי צו ליכט די פאָנעז,
גריסענדיק די וועלט אויף שפעטער.
גאַנג, איז שנאה צו פאַרעטער !
ציל, איז צו דערמאָנען.

מאַכט דעראָבערער ! נעם דיין ביטל
קריך אין נאָרע פון די שנאים.
טראָט און ליד, מיינט דיר פאַרקלעמען.
עס גייט די צייט, אַרונטערנעמען
מאַסקע, פון דיין פנים.

לוי גאָלדבערג

ערשטער מאַי דערינערונג

אַרום אַ וואַרשטאַט האָט דער באַלעבאָס געשאַרפט זיין בייזער.
פון קאַלטן האַרץ זיינעם אַ כעס האָט דערצאַרנט די געזעלן.
דערווידער איז אים געווען, וואָס מאָרגן וועט זיך שטעלן
דער ערשטער מאַי: פּראָטעסט, קעגן שקלאַפעריי און קייסער.

נאָר הינטער זיינע פּלייצעס, — ווי אַ געגן גיפט פאַר צאָרן —
האָבן די געזעלן אים ווי אַ פייג געשטעלט דעם נאַר „דוקא".
זיינע גוטע רייד פון צייט צו צייט, זאָל מער ניט זיין קיין פּיאַווקע,
דער ערשטער מאַי דאַרף אָפּווישן, פון שקלאַפעריי, די שפּורן.

אַרומגעפלויגן צווישן אונז איז די קינדערלאַזע באַלעבאָסטע
ווי אַ טויב אַ מילדע, שלום מאַכן צווישן באַלעבאָס און די געזעלן.
— דער ערשטער מאַי איז גוט. נאָר קעגן קייסער טאָר מען זיך ניט שטעלן,
דאָס זיינען אירע רייד געווען, אָפענע און פּראָסטע.

און אַז דאָס לערן אינגל, (דאָס בין איך וואָס שרייב עס איבער)
האָט זיך אויף מאָרגן ביי דעם וואַרשטאַט עלענדיק, אַליין געפּאַדיעט,
האָט די גוטע באַלעבאָסטע מיט אַ מילדן שטראָף וואָרט אים געיאַדעט,
למאַי, ער איז ניט אויף דער געזעלן זייט, מיט שטאָלץ אַריבער.

און שפּעט נאָכדעם, אַריבער שווערע טעג, און לאַנגע וואָכן,
צווישן די געזעלן אין אַרבעטס יאָך מיט פרייהייטס לידער:
איז אים, דעם לערן יונג געווען ביז טויט דערווידער
דער באַלעבאָסטעס קוק, וואָס איז אויף אים ווי אַ שפּין געקראָכן.

דערפאַר ווען די משך־יאָרן האָבן זיך צום גליק אים אויסגעלאָזן,
און זעלבסט־שוץ האָט אין זין ביי אים געוועלטיגן גענומען —
אַ דאַנק יענעם שטראָף־וואָרט — ווען ס'איז דער ערשטער מאַי געקומען —
האָט ער זיך נאָך דער רויטער פאָן, זיך לייטערן געלאָזן.

אָ, ערשטער מאַי! ערינערונג פון ווינטן, און פון שלאַקסן,
איך האָב דאָ צו פאַרצייכענען ווי דייך, אויך מיין געשיכטע.
עמיץ האָט פאַרזייט אַ זאָמען. האָב איך — דורך שוואַרצער ערד געדיכטע,
ווי פלאַנץ, צווישן פלאַנצן, אָנגעהויבן וואַקסן.

פנימ׳ער

פאַראַנען פּנימ׳ער פון אומבאַקאַנטע,
פּנימ׳ער, ווי אויף פּאַטאָס־לאַנג געזעענע,
און אין האַרצן, טיף געאַנטע.
וואָס זיינען, ווי רעבעלן,
שוין אומגעקומען אין אונזער וועלט
אויף תּליות, גילאָטינעס,
וואָס רעאַקציע האָט אויפגעשטעלט.
דו זעסט זיי ווידער, מיט די שאַרף געשניצטע ליניעס,
צווישן מענטשן רייען,
אין גאַסן־גאַנג,
אין די סאָבוויים,
און טראַמווייען.
איז אויב מען האָט זיי אויסגעראָטן,
ווי־זשע קומען זיי אַהער, פון די עשאַפאָטן?
— אונטערערדיש קומען זיי קעגן שונא קריג צו האַלטן.
זיי קומען העלפן פון דער וועלט אַכזריות שפּאַלטן.
און אַז מען וועט באַדאַרפן —
כּלי זין, פאַר דעם אַקער איבערשאַרפן.

— — — — — — — — — — —

זייט געבענשט, איר אין מיר טיף געאַנטע
פּנימ׳ער, פון די אומבאַקאַנטע.

לוי גאָלדבערג

אַן איסט־סייד רעסטאָראַן

דרויסן, שבת־אָוונט׳דיקער אידישער ניו־יאָרק. גאָלד־ליכט שילדן מיניען זיך אויף קינאָס,
און צווישן אויטאָס און אַמניבוסן, מענטשן ווערן דאָ אַרומגעפּירט ווי אויף אומזעבאַרע שינעס,
און דאָ, צווישן קראָמען פון סחורות אַלערליי, זייט ביי זייט, שפּאַן, אין שפּאַן,
ווי אַ קלין אַריינגעשפּאַרט צווישן מויערן: אַ באַשילדעטער שויפענצטער! רעסטאָראַן.
איז עס ניט פון אַ גרויס־שטאָט, און אוודאי ניט ניו־יאָרק.— ס׳איז זיכער האָרעדישע, צו בויבעריק!
דאָ שניידט מען פולע המוציא׳ס ברויט פאַר׳ן מענטשן, ווען ער איז הונגעריק.
אויף ווייסע לאַנגע טישן: — אַ שפע עסענוואַרג. און מיט זייער טעם, און ריח גייט אויף
צו גאָט אַ בענטשונג, אין אַ פרעמדער וועלט, שוין איינגעוואַקסן דאָ, ווי בוימער אין אַ הויף.
אין אַ פאַרהאַוועטן געיעג — ווי אין אַ גליטש שפּיל — טראָגט זיך אום פון רעסטאָראַן די פרוי,
און פון אירע הענט פאַרן זיך געריכטן, פאַרשענדיק געניט, צו אַלץ איז דאָ געגנוי.
אַ קונה׳ס וואונש, ווערט ביי איר דורכגעפירט מיט שמייכל. אַז ווי אין אַ יום־טוב, קוועלט דער טיש.
(ס׳איז אויך אַן באַצאָלט פאַר אַן אָרעמאַן זיין מאָלצייט, וואָס עסט ביי איר, מיט דאַנק, און ציטערניש.)
דו אַנסט, אַז ס׳איז ניט קיין פרעמדע וואָס באַדינט זיי, נאָר אַ שוועסטער, צי אַ מאַמע גאָר,
וואָס אונטער לעבנס־יאָך, נעסטיגט זיך די עלטער שוין, אין אירע קרויזן־האָר.
דורך וואָג אויף גוף, שוואָלן זיך די פיס ביי איר פון לאַסט. — דאָך ווי אַ געטרייע אַם
וואָס קאָרמעט אופה׳לאַך, פאַרשט זיך ביי די קונים, די הנאה, פון זעט, און טעם.
מיין לויב פאַר איר! — אויך אויף מיר האָט דאָרט אַמאָל געריהט איר גנאָד.
און מיט פאַרוואַנדעטע, בין איך זוכה געווען אין מזומן, צו דאַנקן דעם ליבן גאָט.

STREET SCENE

ער איז געגאַנגען גלייך־געשטרעקט, געשטומט,
ניט געאַנט — מין־הסתם — אַז ווער דאָ קומט.
און זי, — ווען גראָד זיין טראָט דערגרייכט —
האָט זיך איר פּנים אויסגעבלייכט
און מיט אַ היסטערישן קוויטש
אַ שוואונג געטאָן איר האַנט, אויף רעכטס, און לינקס.
זיין קאָפּ, האָט זיך אַ וויג־געטאָן פון נאַקן.
אַ בליץ
האָט אויסגעברענט צוויי פלאַמען אויף זיינע באַקן.
און ווען צעטומלט, זיך אָפּשטעלן ער האָט דאָך ניט געוואָלט, —
האָט זיך דאָס זעלבע ווידערהאָלט.
איר געשריי,
האָט אַ באַפעל געטאָן: שטיי!
אויף דעם ספינקס
אַ מענגע פון אַ מענטשן ריי
האָט זיך אין איילעניש געשטופּט צו זיי,
און ווי אַ קייט,
זיי ביידן רונד אַרום אַרומגעדרייט.
צו האָט עס זיי געלוינט? — — — —
צו זען אַ מאַן, פאַרשעמט, פאַרשטוינט?
צו זען ווי ס׳צוקן יונגע אַקסל פון אַ פרוי
און הערן
ווי אין אָוונט, גרוי,
זי וויינט? — — —

אַ איד אַ שיכור

ער גייט אויף וויגענדיקער ערד. — מיט הייזעריקן כריפּ
גליטשט זיך אים די ליבשאַפט פון זיין ליפּ.
און ווען ער טרעפט אָן. — צום שמייכל פון זיין אויג —
גיט זיך ווי אַ מאַריאָנעט, זיין קאָפּ פון האַלדז אַ בויג.

די באַקן קלאָמערן פון מויל דעם רונדן שניט
צוקרימט און שלינגענדיק. — און רויט צוגליט
איז אים די נאָז, ווי ביי אַ האָן דער קאַם.
ער אָטעמט מיט דעם ריח פון אַ טערפּטקן סם.

די אויגן זיינע, — פּונקט ווי ברוינער שפּירט
אין ווייסע קעלישאָקלאַך צווייי, קאַלירט.
זיי זיינען מיט׳ן גוטן האַרץ פאַרצווייגט,
זיי ריידן, וואָס אַ קלוגער צונג פאַרשווייגט.

און יום טוב איז די סיבה, ווען אויך שיכור ווערט אַ איד.
דאָס האַרץ ווערט אים אַ טיגל, וואָס ליבשאַפט הייס צוגליט.
עס קראַמפּט זיך זיין פויסט, צו וועלכן גוטן יאָר? —
די אָרמס ברייט צעעפנטע. ער וויל זיך קושן גאָר.

קרייד און טינט

פינפטע אפטיילונג

וואַסער אין אַ גריבעלע

ווי אַ קעצעלע זופּט פון אַ טעלערל
מילך, צי אַן אַנדער סאָרט יאַיכאַלע —
טרינקט שטיל די זון, פון אַ גריבעלע
רעגן־זאַפּט, פון אַ קלאָר טייכעלע.

זי שעפּט מיט אַ גאָלד־שטראַלן לעפעלע,
און שמייכלט פון וווייטן אַ פריידיקע.
ביז ווי אַ שיסעלע טרוקן ווערט
דאָס גריבעלע, און בלייבט דאָרט אַ ליידיקע.

לאָזט זיך אַראָפּ אַ יונג פייגעלע
פון בוים, וואו אַ נעסט איז איר שטיבעלע.
דאַרשט איָז געזעצט אויף איר שנאָבעלע,
נאָר טרוקן ווי ביין, איז דאָס גריבעלע.

זינגט זי אַרויף צו אַ וואָלקנדל: —
— טו מיט אַ רעגן אַ הוליענקע.
רעגנט אַרונטער דאָס וואָלקנדל
און ס'גריבל, ווערט ווידער אַ פולינקע.

צום וואַסער־פלאַך, שטעקט זי איר שנאָבעלע,
און קילט זיך דעם גומען, און בייכעלע.
נאָכדעם, אין נעסט פאַר'ן שלאָפן גיין —
זינגט זי אַ ליד, צו דעם טייכעלע.

די זון אויך, אויף קישעלאַך פוכינקע,
שלאָפט צווישן שטערנדלאַך שײנינקע.
אויך אונטער דער נאַכט אַ פאַרדעקלטע —
דאָס גריבעלע, דרימלט אַ ריינינקע.

לוי גאָלדבערג

אַ ראַנדעוואו

שאַרזש

מיט שטויב, אַ פאַרמאַסקירטער ווינט, —
די שבת־לופט, מיט וואָלקן גריסט.
פאַרביי אַ שול, עס טראַמפּלען טריט
פון ווינט׳ס געשטויס, זיי ווערן ניט.

און מיט אַ יאַרמעלקע, און קאַפּעלוש,
און אין אַלפּאַגענעם געניי —
אַ באַלעבעסל יונג,
מיט חלום אין זיין בליק —
גריסט צום שול די טרעפּ.
ער גייט איצט פרום, זיך וויגנדיק
ווי אַ לולב, הויך, און דין.
די הויט פון פּנים, ווי ציטרין.
זיין בערדל — קרויזן איינגעמאַכטץ —
זי רירט מזוזה אָןביים האַרץ.

מיט פרומער, ריינער געטלאַכקייט,
הייליק שפּרייזט ער, ער האָט צייט.
מיטאַמאָל פון דער וויטער לער
יאָגט אָן, אַ גאַסן־מויד אַהער,
מיט היפּטן־„שיפּט”, מיט זייטן דריי:
אין בלוזע, ווי קולאַקעס צוויי
אין אַ געשלעג פאַרמעסט —
שלאָגן זיך די בריסט.
שניידט די מויד אים קעגן־וועג,
מיט ברוסטן: — פויסטן אין געשלעג.
דערזעט ער איר. — ער מורמלט שטיל:
איז עס ניט פון שד אַ שפּיל?
און אין געדאַנק:
— חצופה! גיי דיין וועג זיך, גיי.
נאָר דער ווינט, ימח שמו —
כאַפּט אַראָפּ זיין קאַפּעלוש,

און קייקלט אים צום מיידלס פוס.
דער ווינט, טרייבט מויד צום שנעלסטן ריר,
און זיין קאַפּעלוש נאָך איר.

קעמלט זיך זיין פרומע פּלייצע,
אימפּעט בייט אַ פוס אויף פוס,
און פון אַלפּעגעגעם געניי —
האַלט דער ווינט די פּאָלעס צוויי,
ווי אַ פורמאַן האַלט זיין לייצע.
„וויא”, און „וויא” נאָך מיידלס פוס.
נאָר ווי אַ קייקלענדיקע ראָד
אַלץ לויפט פאָראויס, דער קאַפּעלוש.

קוקט ביים ראָג אַ יונג דאָס צו.
און ער פאָרשט דעם ראַנדעוואו.
קוקט און קוקט, אַ שטיקל צייט,
ביז אים רירט באַוויליגקייט.

און ווי אַ פרישער כוח קען —
גיט אַ שפּרייז, מיט יונגן ברען
אַ פלינקן טראָט אויף קאַפּעלוש,
און ס׳ליגט צוטראָטן אונטער פוס.

פילט זיך בחור מעשה העלד,
און ער פייפט אויף גאָרער וועלט.
יצר־הרע רופט אים דאָך,
פאָלגט ער גלייך דאָס מיידל נאָך.

ס׳באַלעבעסל, — וויי און ווינד, —
אַ באַשטראָפטער, גאָר אָן זינד.
טרעט אין פלויך פון רעגן־גוס,
און אין פאַרדרוס, אָן אַ פּאַרוואָס
רינט עס אויף זיין יאַרמעלקע
דורך אַ בראָך אין קאַפּעלוש.

לוי גאָלדבערג

גאָטס באַשעפענישן

אַ בהמה גיט מילך,
וואָס מען מעלקט אין אַ קאַן.
אַ פערד עסט טרוקן היי —
און עס גייט אין געשפאַן.

אַ ציג טראָגט אַ באָרד,
און זי רעדט מיט אַ מעעע.
(דער טעם פון איר מילך
איז ריח'דיק, פע.)

אַ הון לייגט אַן איי,
וואָס דער מענטש עסט עס אויף.
אַ קאַץ האָט ליב זון,
און זי וואַרעמט דעם גוף.

אַ הונט איז געטריי,
און ער בילט ווען מען דאַרף: —
ער גריזשעט אַ ביין: —
זיינע ציין, זיינען שאַרף.

אַ קאַטשקע טראָגט שיך,
און זי שווימט, און זי יאָגט.
ביים האָן פלאַמט דער קאַם,
און ער קרייט, ווען עס טאָגט.

אַ פויגל אויף פריי,
האָט אַ נעסט אויף אַ צווייג.
אַ פויגל אין שטוב —
זינגט אַ ליד פון דער שטייג.

אַן אָדלער פליט הויך,
און וואַרפט אַן אַ שרעק...
אַ קעמעל, אויף האַרב, —
דורך מדבר, טראָגט פעק.

אַ שלאַנג ווען זי רוט,
ליגט זי קונציק געדרייט.
זי זשיפּעט מיט גיפט
ווען מען רירט אַן איר הויט.

אַ וועוויערקע שפּרינגט,
ווייל עס שרעקט זיך אין פלוג.
אַן אייזל איז דום,
און אַ פוקס, — איז צו קלוג.

אַ חזיר, אַ טכויר,
אַ זשאַבע, און אַ מויז, —
מיך מיאוסט פון זיי,
און מיין ליד, לאָזט זיך אויס.

לוי גאָלדבערג

אַ מויער אין ניו־יאָרק

אַפריער קומט דאָס גראָבן,
דערנאָך, קומט פונדאַמענט,
דערנאָכדעם, ליים און ציגל,
און ס׳הייבן זיך די ווענט.

דאַן קומען, טיר, און פענצטער,
און געהילץ, אַ סך.
צו לייגן אַלע דילן,
און אויפשטעלן דעם דאַך.

קלאַפּט צום טאַקט דער האַמער,
און די זעג — זעגט שאַרף.
מולער, און שפּאַלירער
טוען וואָס מען דאַרף.

ווערט דער מויער פאַרטיק
מיט טרעפּ אַרויף צו גיין —
וואַרטן לערע דירות
און יעדע שטוב, איז שיין.

קומען אָן בעלנים
און יעדערער געפינט —
אין זיי אַ מקום מנוחה
פאַר זיין הויז־געזינד.

מעבל, און הויז־ווירטשאַפט
אין יעדן צימער בלומט...
נאָר עס זאָרגן מאַמעס
ווען דער „ערשטער” קומט.

קינדער אָן שום דאגה
שפּילן זיך פאַרטיפט —
קלענערע, מיט שפּילצייג,
גרעסערע, מיט שריפט...

טרעפט אַ מאָל, אַז אַרבעט
ביי איינעם לאָזט זיך אויס, —
פון שטוב די גאַנצע ווירטשאַפט
מען שטעלט אין גאַס אַרויס.

דעם לענדלאָרדס האַרץ, פאַרשלאָסן,
דעם שכנס האַרץ, פאַרקלעמט.
קומט אָן אַ נייער שכן —
און קיינער איז פאַרשעמט...

און ס׳בייטן זיך אין מויער,
געשטאַלטן, נאָך געשטאַלט, —
ביז נאָך לאַנגע יאָרן,
זיין שיינער יחוס פאַלט.

ס׳ווערן טרעפּ צעבויגן,
און טירן, הייגען קרום.
אויף זיינע פוסטע דירות
קיינער קוקט זיך אום.

לוי גאָלדבערג

די גוטע בהמה

אַמאָל אין אַ דערפל — צווישן פעלדער פאַרלאָרן —
איז אַ דאָרף־מענטש אַ שוטה אַן עלמין געוואָרן.
אַן עלמין. געבליבן איז אים אַ יתומה,
אַ שטוב, און אַ שטאָל, און אַ גוטע בהמה.
אַ קלוגע בהמה. צום קינד ווי אַ מוטער,
גיט זי איר מילך, סמעטענע, פּוטער,
פעלט דעם קינד גאָרניט. — נאָר דער טאַטע דער שוטה
ער גייט, און ער ברייגגט איר, אַ מאַמע אַ צווייטע.

אַ מאַמע אַ שלאַק, און ווי אַ שלאַנג אַ בייזע.
פאַרנומען די שטוב, מיט אַ טעכטערל, רייזע.
פאַרנומען פאַר זיך די מילך פון דער בהמה,
און קללות געוואָרפן דער בידנער יתומה.
ווייל רייזע דאַרף אַלץ, זי האָט דאָך אַ מאַמע.
קליידעלאַך נייע, און שיכעלאַך גראַמע,
אינגאַנצן די קעז, אינגאַנצן די פּוטער,
אַ שלאַק איז אויך רייזע, געראָטן אין איר מוטער.

דערזען אָט די עוולות, וואָס קריינקט דער יתומה —
האָט עס פאַרדראָסן דער גוטער בהמה.
באַשליסט זי, — און זאָל מען זי פירן צום שעכטער —
זי לאָזט זיך ניט מעלקן, פון רייזען, דער שלעכטער.
ווי פריער, — אַזוי דאַרף עס זיין אויך אויף ווייטער —
געהערט דער יתומה, די מילך פון איר אייטער.
גייט רייזע איר מעלקן, זי בריקט מיט אַ פיסל.
און מעלקט די יתומה, איז מילך דאָ אין שיסל...

די שטיפמאַמע שילט, און נעמט איר דעם לעבער,
און שיקט זי צום ברונ׳ם מיט גרעט אין אַ צעבער:

וועז אויפן גאַניק די שטיפ־שוועסטער שפּילט זיך,
און קריגט פון דער מאַמען, וואָס נאָר איר פאַרווילט זיך.
טראָגט זי דעם צעבער אויף זיך מיט אַן אימה,
און נאָך איר — צום ברונעם — גייט די בהמה:
— „יענע האָט קליידעלאַך, שיכלאַך גראַמע,
אוי ווי ס׳איז ביטער, און שלעכט אָן אַ מאַמע".

„אוי ווי ס׳איז ביטער, און שלעכט אָן אַ מאַמע,
יענער איז גוט ווי אַ פּריצישער דאַמע.
האָט ווייסינקע פינגער, וואָס טויגן צום נאַשן,
און מיינע צעשפּאָלטן, פון ראַמען און וואַשן".
וויגט די בהמה דעם קאָפּ מיט באַדויער —
און הייסט זיך לייגן דאָס גרעט אין איר אויער.
לייגט זי אין לינקן זייט, — און הערט נאָר אַ מעשה!
פון רעכטן זייט קומט באַלד דאָס גרעט אַרויס ווייסע.

דערזעזן דאָס, צעשוימט זיך מיט סמ׳קער שנאה
דער שטיפמוטערס מויל, מיט די ליפּעלאַך דינע,
צו דער גוטער בהמה, צו דער איידעלער חיה,
און פועלט ביים שוטה, אַ בהמה אַ נייע.
אַ דאָרף־מענטש, דערהערט ער נאָר חניפה־רייד זיסע,
איז מילא, נו מאָרגן וועט זיין דאָ איר מיתה.
די בהמה אין דרויסן מעלהגרה׳ט די ווערטער:
מירטצעשיים מאָרגן גייט זי צום שעכטער.

איז גייט זי צום שעכטער, איר אַרט ניט, דער בהמה,
אָבער ווי לאָזט מען אָן מילך די יתומה? — — — —
פאַרטרויט זי דער קליינער, — „ווערסטו הונגעריק ווערן,
האָב איך אין בויך, ביי מיר אַזאַ קערן,
גיב אים אַ וואָרף פאַרנאַכט, אין אַ נעפּל,
וועט אויפגיין אַ סאָד, מיט באַרן און עפּל".
ווי געזאָגט, און געטאָן, — מער ניטאָ די בהמה,
אין הויף בליט אַ סאָד, — איז פאַרזאָרגט די יתומה.

גייט רייזע אין סאָד, פאַרדרייסט זי איר קעפּל,
און ציהט מיט די הענט, זי וויל באַרן, און עפּל.
נאָר יעדעס מאָל ווערן — פון די דאָרפישע דעכער, —
די בוימער, די צווייגן, אַלץ העכער, און העכער.
און קומט די יתומה אין סאָד: אַזוי מיט רחמנות
טראָגן איר אונטער די צווייגן מתנות...
וואַקסט די יתומה געזונטער, און שענער,
און רייזע — פאַר בושה — ווערט מיאוס׳ער קלענער.

אַלץ צוליב פּרנסה

אַ מאַלפּע, ווי אַ הינטל,
און האָט אַזאַ מין עקל.
נאָר זי טראָגט גאָר אַ היטל
און האַלט אין האַנט אַ שטעקל.
גייט אין רויטע הויזן —
און טראָגט אַ בלויען רעקל.

זי שפּרינגט אויף איינעמ׳ס נאַקן,
און קוקט אויף אַלץ מיט ביטל.
און פלינק זי שפּרינגט אַרונטער
און נעמט אין האַנט דאָס היטל.
געבונדן צו אַ שטריקל —
ס׳זוכט פּענעס, צו אַ ניקל.

איז ווערזשע איז דער איינער,
וואָס טראָגט דער גאַס אַנטקעגן —
אַזוי פיל שיינע טענער,
פאַר די קינדערס וועגן ?
— אַ מענטש ווי יעדער טאַטע !
מיט קינדער, זעלטן זאַטע !

איז מעגט איר קינדער וויסן,
אַז דער וואָס שפּילט די טענער
און לאָזט אייך פרייד געניסן —
איז „דזשאָ״ דער איטאַליענער.
די מאַלפּעלע הייסט : ראָזע.
איי זי טראָגט גאָר הויזן —
אַלץ צוליב פּרנסה.

לוי גאָלדבערג

צווילינגלאַך

מיידלאַך

א.

צוויי מיידעלאַך, די זעלבע הויך,
דאָס זעלבע, אויך די פּנים׳ער.
עס הערט די גאַס אין זייער גאַנג:
אַז אַ צווילינג זיינען מיר.

די מאַנטעלאַך פון איין פאַסאָן,
דאָס זעלבע אויך די קליידעלאַך.
און וואו זיי גייען, קוקן ליב,
מענטשן, אויף די מיידעלאַך.

דער זעלבער טראַט. דער זעלבער שטעל.
דער זעלבער שיין אין די אויגעלאַך.
און לאַכן זיי, דאַן דוכט זיך אויס:
עס טרעלן יונגע פייגעלאַך.

צוויי שירעמלאַך פון זעלבן זייד,
פאַרשטעלט פון זון די קעפּעלאַך.
און גייען זיי, אין גאַנג צום טאַקט,
טאַנצן צוויי פּאָר צעפּעלאַך.

אינגעלאַך

די אַנצוגלאַך פון זעלבן שניט,
ווען שטאַטנע בײדע גײען זײ.
אַ שכן גריסט זײ אָפּט פאַרקערט,
וועמען ער מײנט, פאַרשטײען זײ.

אַז ווער איז ווער, קומט פאַר אַמאָל
אין שולע אויך אַ וועטעניש.
דער צווילינג, האָט אויך שפּאַס פון דעם,
ביז ס׳לײזט זיך אויף דאָס רעטעניש.

עס טרעפט, דער טאַטע, ווען ער דאַרף
באַשטראָפן וועם אַ ביסעלע,
ווערט באַשטראָפט גאָר יאַנקעלע,
ווען קריגן שטראָף, דאַרף ניסעלע.

די מאַמע בלויז פאַרבײט זײ ניט.
זי רופט זײ: — מײנע בערעלאַך.
צווײ אינגעלאַך, די זעלבע הויך,
די זעלבע קודרע הערעלאַך.

לוי גאָלדבערג

אַ מעשה מיט זיבן גזלנים

א.

צווישן שטיבעלאַך קרומע, אין אַ שטיבל אַ גלייכע,
האָט געלעבט און געפרייט זיך, אַ געזינדל אַ רייכע.
אַן אידעלער טאַטע. — אַן אידעלע מאַמע,
וואָס האָבן פאַרמאָגט נאָר, איין טאָכטער: נאַכאַמע.
איז דאָס מיידל אַזוינס, וואָס ניטאָ איז נאָך איינע,
אין שטעטעל אין דעם. — אַ קלוגע, אַ שיינע.
און נדן איז דאָ, — נאָר סאַראַ פאַרדראָסן, —
ניטאָ איז אין שטעטעל קיין גבירישער חתן.

ב.

ביז איינמאָל פאָרט צו, אַ פור מיט אַ פערדל
צום טיר און ס'קומט אַריין אַ איד מיט אַ בערדל
און ווי ס'פּאַסט פאַר אַ איד, וואָס איז אַ איד אַן אורח,
און קומט צו אַ אידן, וואָס איז רייך ווי קרח —
נעמט ער גלעטן די באָרד, וואָס איז ערטערוויז שיוויג,
הכלל — ער האָט פאַר נאַכאַמען אַ זיווג —
אַזוינס, און אַזעלכעס, גאָר אַ ברכה פון אויבן.
אַזאַ איד, מיט אַזאַ באָרד, ווי קען מען ניט גלויבן?
מען מאַכט אַ לחיים, מען ברעכט אַן המוציא,
אויך מיט דעם שלאָפן, מען גיט זיך אַן עצה.
אָפּגעמאַכט. — קומען דאַרף ער דאָ ווידער,
און ברענגען דעם חתן, דעם טאַטען, און ברידער.

ג.

אַריבער אַ וואָך. — דורכן שטעטעל דעם קליינעם
אַ רודער. — עס פאָרן די זיבן פאַרשוינען.
באַבערדלטע צוויי, דער „שדכן", דער „טאַטע",
דער „חתן", פיר „ברידער" מיט פנימ'ער גלאַטע.

און מיידלאַך ביי פּלויטן. פאַר׳חידוש׳טע מאַמעס,
טרעפן ניט ווער ס׳איז דער חתן — נאַכאַמעס.
נאַכאַמע פאַרויטעלט, זי קען שוין דערקענען: —
ס׳איז ער — ביי ווען די אויגעלאַך ברענען.
ס׳איז ער, ביי ווען די שטיוועלאַך סקריפּן.
און ביידע צדדים, מען מאַלט מיט די ליפּן,
מען דינגט זיך, — נדן, — עס קראַצט זיך די פּאה
דער טאַטע נאַכאַמעס, פון דער שווערער מטבע.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
און ס׳ווייסט ניט איר טאַטע, און ס׳ווייסט ניט איר מאַמע
אַז גאַר צו גזלנים פאַרקויפט מען נאַכאַמען.
אַז צו אַ באַנדע, וואָס ציילן זיך זיבן,
האָט מען נאַכאַמעס נשמה פאַרטריבן.

ד.

אַוועק איז אַ חודש. און ס׳גייט מיט אַ סדר,
מען לאָזט זיי שוין ביידן אַליין אין אַ חדר.
כאָטש ס׳היט זיי באַהאַלטן דאָס אויג פון דער באָבען, —
זי זאָגט; זי ווייסט אַלץ, ווען מען נייט גאַרדעראָבע,
און שטראָפט איר אויף כלומרשט: „נו מילא אַ פּיצל״.
גיט גלייך נאַכאַמע דער באָבען אַ קיצל,
צעלאַכט זיך נאַכאַמע, — וואָס פריידט זיך נאַכאַמע? — — —
עס לאַדט זי דער חתן צו זיך, און אַן טאַטע־מאַמע
וועט זי פאָרן צו אים, וואָס האָט ניט קיין גלייכן,
ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ טאָכטער, וואָס קומט פון אַ רייכן.
יעקונים דער שכן, דאָס פערדל וועט שפּאַנען,
און היידאַ, זי׳ט פליען ווי אַ פויגל פון דאַנען.

ה.

ציט זיך דער וועג. אַ וואַלד לויפט אַנטקעגן.
און ס׳טראָגט איר דאָס פערדל דורך טונקעלע וועגן.
און אָט איז דער וואַלד שוין געבליבן פון הינטער,

און ס׳ווייזט זיך אַ דערפל, אַ קלויסטער, אַ צווינטער.
און ווייטער אַ וואַלד, און דאָ שוין אויף גלייכן
דורך פלושענע וועגן, צום פּאַלאַץ, צום רייכן,
מיט אייזערנע פּלויטן, מיט בוימער, מיט בלומען,
ס׳זינגט איר אַנטקעגן די פרייד פון איר קומען.
נאָר וואָס איז דאָס ? זע ! די פענצטער מיט גראַטן !
דערמאָנט זיך נאַכאַמע, אַן מאַמען, אַן טאַטען,
און שרעק, ווי אַ ווינט אויף צוריק נעמט איר שטויסן.
— „יעקונים ! זאָלסט וואַרטן, זאָלסט וואַרטן אין דרויסן.
— ער׳ט וואַרטן, ער׳ט וואַרטן, ווי דען זשע נאַכאַמקע״.
זי רירט אָן מיט ציטער פון טויער די קליאַמקע.

ו.

און עס ציטערט איר גוף, דערוואַרט איר אַ טרויער ? —
אַריין. — און עס עפנט זיך ניט מער דער טויער.
אין הויף זעט זי בלומען, אין הויף זעט זי בוימער,
און איבערן פּאַרקאַן, — יעקונים, אַ שומר.
שאַרט זי זיך ווייטער, שוין שטיל ווי אַ וואָרעם
אַנטקעגן נאָך קיינמאָל געזעענע חדרים.
אָן עפן אַ טיר, און ס׳פאַרשליסט זיך אַ חדר
באַהאַנגען די ווענט מיט מאַנטלען און קליידער.
און ווייטער אַ טיר, — אַ קלאַפּ אַזאַ שווערער,
הערט זי איר אייגענעם אָטהעם ניט מערער : —
דאָ הייגגען קעפּ, מיט פאַרשצירעטע ציינער.
און ווייטער אַ חדר, הענט, פיס, און ביינער...
דערפילט שוין נאַכאַמע אַז זי איז אַ קרבן.
וויל שרייען נאַכאַמע, נאָר ס׳קול איז געשטאָרבן.

ז.

צי האָט זי גע׳חלש׳ט ? צי איז זי געשלאָפן ? —
ניט קלאָר וואָס אָט דאָ מיט איר האָט געטראָפן.
אַ קול הערט נאַכאַמע, און ווייסט ניט פון וועמען.

א פרויען קול יאָמערט, איר טרייסלן די ברעמען...
ווער איז זי, יענע? ווער רייסט פון איר שטיקער? —
איר חתן! די ברידער! משוגע און שיכור
זיי פראַווען אַ אַ שמחה גאָר מעשה גזלנים!
און וואו דער מחותן? — ניטאָ אַזאַ פּנים!
— — — — — — — — — — — — — —
צי האָט זי גע׳חלש׳ט? — צי איז זי געשלאָפן?
ווי קומט עס וואָס זי איז אין קעלער אַנטלאָפן? —
ווייסט ניט נאָכאַמע אויף וואָס פאַר אַן אופן,
ווייסט ניט נאָכאַמע, צי שטיין, צי אַנטלויפן.
און מיטאַמאָל — זע! יאָ ניסים פּאַסירן, —
עס זיינען צום דרויסן איצט אָפן די טירן.
און וואָס איז דאָס? זע! זיי אַלע איצט כראָפּן.
און פלעשער פון בראָנפן, ביי יעדן צוקאָפּן,
זי שאַרט זיך פּאַוואַליע, און הערט ניט די שפּאַנען.
יעקונים דערשראָקן פירט אָפּ זי פון דאַנען.

ח.

ווי דער מאַמען! ווי דער באָבען! — — —
דער טאַטע וויינט אין גאָרדעראָבע.
הערט איר האַרץ דעם פעלדשערס אויער,
און שכנים טראָגן אַן אַ טרויער.
נאָכאַמע ציטערט מיט די ברעמען.
רעדט, וואָס קיינער קען באַנעמען,
שעה נאָך שעה. זי וויזט סימנים —
זי איז אַנטלאָפן פון גזלנים.

ט.

און ווידער אַ רודער דורך שטעטל דעם קליינעם.
עס פאָרן צום רייכן די זיבן פאַרשוינען.
באַבערדלטע צוויי, דער „שדכן" דער „טאַטע",
דער „חתן", די „ברידער" מיט פּנים׳ער גלאַטע.

— „גוטן אָוונט מחותן! גוטן אָוונט דיר כלה!
געקומען דער חתן דיר פרעגן אַ שאלה".
שטעלט זיך נאָכאַמע אַ בלייכע אַנטקעגן,
און לאָזט זיי ניט ריידן, און לאָזט זיי ניט פרעגן.
נעמט איבערדערציילן וואָס איר האָט געטראָפן
אין „פּאַלאַץ" ביי זיי, און ווי זי איז אַנטלאָפן.
איז פּונקט ווי אַ דונער דער באַנדע וואָלט פּלעפן.
און דאָ, מיט אַ מאָל גיט די טיר זיך אַן עפן: —
און ס'טראָגן זיך אַן פון דעם שטעטל די מענער,
מיט לאָפּעטעס דער, און מיט קאָטשערעס יענער,
מיט קאָטשעלקעס וויבער, מיט בעזעמער, מוידן,
אַז ס'נעמט ווי אַ וויגל דאָס שטיבל זיך הוידן.
ביז פאַר די זיבן — אין קרעכצן, און ווייען
נעמט ווי אַ ווינט־מיל, די סטעליע זיך דרייען.

———————————————

— און וואָס איז פון זיבן גזלנים געוואָרן?
געוואָרן... אַז ווי איז צו זייערע יאָרן.

אַ אינגל מיט ברילן

איז געפֿאָרן צום ים־ברעג אַ אינגל מיט ברילן,
פֿון דער שטיקענדער היץ, זיך אַביסל אָפּקילן.
גוט איז אים, גוט, און עס זינגט זיין געמיט, —
אין ים אַריין גייט ער מיט פֿריילאַכע טריט.

דאָס אינגל — דעם ים, איז געוואָרן געפֿעלן,
און האָט אים באַגריסט מיט שוימיקע וועלן,
געמאַניעט, געצויגן, ביז ער האָט דערפֿילט —
אים ווערן די פֿיס, ביז די קנעכל פֿאַרקילט.

און אָט קומט אַ כוואַליע געניט ווי אַ שיפּער,
זי שווימט איבער אים, און שטופּט אים שוין טיפֿער,
ער זעט דורך די ברילן, ער פֿילט עס ב׳חוש —
עס גיט אים די כוואַליע, אין שטערן אַ קוש.

איז לאָזט זיך דאָס אינגל, וואָס טראָגט אויף זיך ברילן —
שוין קושן פֿון כוואַליעס, ווי פֿיל נאָר זיי ווילן,
זיי לויפֿן, און שפּרינגען אַריבער זיין גוף:
וואָס שווימט, און עס הויבט זיך, אַראָפּ און אַרויף.

און טיפֿער, און ווייטער, און אומעדום קיל איז.
פֿאַרשייטער אַ כוואַליע, קומט אָן ווי אַ לילית,
זי בויגט אים צום שויס, און זי לאַשצעט זיין קאָפּ.
אַ ריס — און זי שלעפּט אים די ברילן אַראָפּ.

ווי דאָס האָט געטראָפֿן, פֿאַרשווינדט גיך די כוואַליע,
און ס׳ווערן ביים אינגל די אויגן גלייך קאַליע.
ווי נאַכט וואָלט אַראָפּ, אויף אַ ליכטיקע שעה.
ער זוכט זיינע ברילן, ניטאָ, און ניטאָ.

און דאָ איז געשען, — ווי עס טרעפט זיך אין שפּילן —
אַ פֿיש האָט דערזען אויפ׳ן גרונט, זיינע ברילן.
און היינט דאַרף ער גאַסט־זיין, ביים מלך אין שלאָס —
איז טוט ער די ברילן אַ כאַפּ אויף דער נאָז —

און הידאַ, און הידאַ, דורך תהומ׳ן, און פלאַכן,
דורך כוואַליגן גראָז, און דורך שליימיקע זאַכן,
געקומען צו שווימען צום מלך אין שלאָס,
מיט ברילן געטשעפּעט צום זשופּיקן נאָז.

ס׳טוק ס׳טוק, און ס׳טוק ס׳טוק. די טיר ווערט גלייך אָפן.
דערזען אים, — זיינען זיך די פישלאַך צעלאָפן,
ווער אונטער בעטן, און ווער אויף די ביינק.
מסתמא אַ דאָקטאָר, און זוכט דאָ אַ קרענק.

נאָר איינער, דער מלך, ער קומט אים אַנטקעגן,
און גאַסט־פיש צולאַכט זיך, נאָך איידערן פרעגן.
נעמט גאַסט־פיש און טוט אים די ברילן גלייך אָן: —
ציטערט ביים מלך די באָרד ווי אַ פאָן.

דער מלך געשאַצט, האָט די ווערט וואָס דאַרף קאָסטן.
און האָט אויף זיין ווייב־פיש די ברילן געמאָסטן.
איז זי נעבאַך אַ בלינדע, וואָס זעט ניט די שיין,
פאָלן די ברילן אין מויל איר אַריין.

זי גיט זיי אַ שלונג, און עס ווערט אַ מהומה,
און באַלד שווימט די אַלטע צום דאָקטאָר אַ שטומע.
פאַר מיילן ווייט שווימט זי און סאַפּעט: „פיף, פיף"
און זעט ניט ווי ס׳צאַמט איר אַ נעץ אין דער טיף.

— — — — — — — — — — — — — —

און דאָ טאַקע שליסט זיך די מעשה די שיינע.
אין ים האָט אַ פישער פאַרנאַרט די זקנה.
און שיקזאַל פאַרטראָגט איר צום אינגל אין הויז,
און ס׳קריגט אים זיין מאַמע די ברילן אַרויס.

קייסער און פויער

גראָטעסק

א.

ווי פון אַ פּאַווע דער געפּעכערטער שלעפּ, —
אַזוי האָט אין פּאַלאַץ געצויגן זיך טרעפּ.
אויף זיי איז דער קייסער אַרויף און אַראָפּ
געגאַנגען, פאַרזאָרגט — מיטן קרוין אויף זיין קאָפּ —
געקלערט, און געקלערט, אָט דעם איינעם געדאַנק:
פאַרוואָס קומט גראָד אים, אַ ווייב וואָס איז קראַנק?
וואָס וואַרפט אָפּ זיין ליבע מיט שרעק, און מיט קרעכץ.
דערווײַלע ווערט נאַכט. — און דאָס אַוונט־געקעכץ —
באַווירצט, און באַטעמ׳ט, נעמט מאַניען זיין גוף.
בקיצור, ער עסט באַלד צוועלף טייבעלאַך אויף,
טרינקט אויס, פון דורשט, זעקס קריגעלאַך ווין,
ביז וואַרעם און זאַט, אויפן טראָן ער שלאָפט איין.

און שאַ און שטיל. אויף דעם טראָן, ווי אַ סנאָפּ
דרימלט דער קייסער, מיט קרוין אויף זיין קאָפּ.

ב.

איז דרימלט דער קייסער — נו גוט, נו גוט.
איצט וועלן מיר זען וואָס די ווייב זיינע, טוט.
ניין, טאָן טוט זי גאָרניט, זי ליגט נאָר און קרעכצט,
און טרייבט אָפּ די דינסטן וואָס ברייננגן געקעכץ: —
אַ יאַיכעלע קלאָר, ווי צעשמאָלצענעס גאָלד,
(אַזאַ, וואָס קייסערינע האָט אַלעמאָל האָלד.)
אַ פליגעלע פון אַ געבראָטענער הון;
אַ געלעכל פון אַן איי, ווי אַ קלייניקע זון;
אַ ראָזינקע פון אַ געבאַקענעם טאָרט,
און נאָך גוטע זאַכן פון טייערסטן סאָרט.
זי וויל ניט, זי דאַרף ניט, און שטופּט אַלעס אָפּ
פון זיך, מיט אַ „ניין" זי דרייט מיט׳ן קאָפּ.

ג.

און אַט אַ ידיעה: — פון מרחקים אַהער,
עס קומט אָן אַן אַלטינקער מאַן. — און ווי ער
באַטרעט נאָר די שוועל, באַלד זאָגט ער אַ שפּרוך
פון עפּעס אַן אַלטן, פאַרהייליקטן בוך,
און מיט אַ פלאַם, אין זיין בליק, —
באַפעלט ער: „אין פּאַלאַץ צו ברענגען אַ ציג
און טרינקן איר מילך, אַ פיר גלעזער אַ טאָג,
זאָל קייסעריניע — וועט זי צונעמען וואָג".

ד.

דאָ ווערט די קראַנקע פאַרצווייפלט נאָך מער:
אין פּאַלאַץ אַ ציג? ווי פּאַסט עס אַ הער?
אַזוינס האָט קיין דאָקטאָר איר קיינמאָל געזאָגט.
אַ ציג האָט אין פּאַלאַץ נאָך קיינמאָל געטאָגט.
— נאָר אפשר איז דאָס די רפואה פאַר מיר
זי טראַכט — און רופט די באַדינער צו זיך.
באַווייזן זיך דינער, און שטייפע ווי גלאָז
זיי שווערן, אַ ציג איר ברענגען אין שלאָס.

ה.

די ציג, זי איז דאָ. און אַ פויער'ס אַ האַנט
פלינק צלמ'ט זיך איבער, דריי מאָל נאָכאַנאַנד.
ער קוקט אויף דער קראַנקער, און זאָגט שטיל אַרויס:
אַז נאָר פאַר דער קרוין די ציג בייט ער אויס —
ווייל געלט איז ניטאָ אַזוי פיל אויף גאָטס ערד
וויפיל די הייליקע ציג האָט די ווערט.
טראַכט קייסערינע: — אפשר פאַרהערט,
— „אַ קרוין פאַר דער ציג, האָסטו דערקלערט?
די קרוין דאַרף דער קייסער וואָס זיצט אויפן טראָן

און ווערט ער זי אָן, שטייט זיין הערשאַפט אין קאַן.
„אַז ניט, איז ניט". ענטפערט דער פויער צוריק.
פאַרהאַלט זי ביים שוועל אים: „זאָל בלייבן די ציג".

ו.

שפּעטער אַביסל, עס טשוכעט זיך אויס
דער קייסער אויפן טראָן — און ווי ער איז די גרויס,
אַזוי ווערט ער געשטערעקט און קוקט מאָדנע אויף אַלץ —
ער פילט אַז זיין קאָפּ איז אים גרינג אויפן האַלדז.
ער טאַפּט אָן דעם קאָפּ, יאָ דער קאָפּ איז אים דאָ,
נאָר קרוין וואָס פאַרדעקט אים זיין פליך, איז ניטאָ.
"די קרוין! די קרוין!" שפּיזט אין שפּיגל זיין בליק.
און פּלוצים דערהערט ער עס מעקעט אַ ציג.
— — — — — — — — — — — — —

ז.

די קייסערינע — ניטאָ זי שוין מער.
אויס קרוין, אויס פּאַלאַץ, אויס קייסער איז ער.
דער פויער, — ווען זון גייט אויף פאַר דער וועלט,
ער טראָגט די קרוין — ווען ער אַקערט זיין פעלד.

ב. ריווקין

פראָלעטאַריער און פּאָעט

ווען מען פאַרגלייכט לוי גאָלדבערגס ערשטע לידער־זאַמלונג, „לידער און באַלאַדן", פון 1923, מיט זיין צווייטער לידער־זאַמלונג „גאָענטע", פון 1932, מיט זיינע שפּעטערדיקע לידער, וואָס זיינען געדרוקט געווען אין „צוקונפט", לאָזט זיך לייכט כאַפּן זיין גאַנג. ער האָט טאַקע אָנגעהויבן פון גיין, גלייך פון ערשטן ליד: „אין אַ פרעמדער שטאָט".

שוין האָט דער שטאָט־גאָרטן אויך מיך דעם לעצטן אויסגעשפּיגן.
די שפּעטע נאַכט האָט זיך געגנורעט אין די עלענדע אַלייען;
פּאָר נאָך פּאָר, אויף שטילע וועגן, זע איך מענטשן זיך צוגייען,
זיי וועלן זיך אויף ווייכע בעטן אין אַ זיסער רו פאַרוויגן.

לאָזט ער זיך אַליין אויך — „גיין! אַ פרעמדע היים — וואו ס'וואַרט ניט קיינער אויף מיין קומען, אין קאַלטע ווינקלען פיר, מיט שאָטנס דורכגענומען..."

נעמט ער זיך פאַר אַ חבר אַ הונט פאַר אַ נאַכט־שפּאַציר. איבער אַ העלפט פון דער זאַמלונג איז פול מיט נאַכט־שפּאַצירן איבער די גאַסן. וואָס־זשע זעט ער אין די גאַסן? גאַסן־סצענעס און... גאַסן־פרויען. — „איך זע אַ שיכור פון אַ הויז וואַקלט זיך אין גאַס אַרויס און גיט, דערגרייכנדיק צום ראָג, וואָס שטיל אַ גאַסן־פרוי אַ זאָג". ניט נאָך דער גאַסן־פרוי יאָגט ער זיך, נאָר נאָך די רגע׳דיקע אילוזיעס, וואָס זיי גיבן דעם עלענדן בחור, וואָס בייטאָג, אַ פאַרב־באַפלעקטער, איז ער פאַרנומען מיט שמירן ווענט. אָבער ער אַליין: — „און איך — אָט דאָ ביים ראָג, אַרומגענומען פון מיין אייגן ביסל ליכט, שטיי פאַר אַלעמען אַ שטילער אין באַהעלטעניש" — און ווען ניט ווען, ניט באַנוגנדיק זיך מיט דעם אייגן ביסל ליכט, כאַפּט ער זיך אַריין אין קאַבאַרעטן, וואו עס ווערט געטרונקען, געזונגען און געטאַנצט, צוצוקוקן זיך פון דער נאָענט צו דער אילוזיע פון גליק. און ווידער געגאַנגען, געגאַנגען און געגאַנגען. אָבער ער גייט שוין ניט אַליין. די נאַכט־שעהן גייען מיט — די נאַכט־שעהן, וואָס בינדן עלנדע מיט עלנדע.

אַזוי האָט דער קאַמערויקער בחור אין בראָנזוויל, אין זיינע ערשטע גרינע יאָרן, זיך געריסן צו דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק, שפּאַצירנדיק

דורך די נעכט איבער פיטקין עוועניו, די בראָדוועי פון בראַנזוויל, און טאָקע אויף דער אמת'ער בראָדוועי — און איז אַלץ געבליבן אין קאַמערויקע. וואו איז דאָ קאַמערויקע? וואו מאַכט עס זיך קענטיק? דער לשון איז ניט פון קאַמערויקע — הלואי וואָלט דאָס אַזוי געווען! קענטיק איז עס דערמיט, וואָס ער רעדט קאַלטן, טרוקענעם, פרעמדן פּאַר אים לשון: — „דורך שטילער רעגונג האָט זיין קערפּער זיך געבויגן" — „איך בין געווען אין דעם ריטם פון דעם נאַכטיקן ראַשנדיקן ליד", — אַזוי ריידן קאַמערויקער אין דער פרעמד. האָט ער דען ניט גערעדט דעם אמת, ווען ער האָט דערציילט וועגן זיינע נאַכט-וואַגלעניש? אמת, אמת, אָבער ניט דאָס אמת'סטע אין אים. זיי האָבן ניט דאָס געוויכט פון אמת. וואָגיקער ווערט דער אמת פון זיינע רייד, ווען ער פאַרגעסט די געמאַכטע בראָדוויאישקייט זיינע און לאָזט פון זיך אַרויסריידן דעם ניט צוגעפּוצטן הוילן אומעט, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון קאַמערויקע. דעמאָלט רעדט זיך אים מיט שטימונג און בילד: — „ווי ליכט צוקאָפּנס ביי אַ טויטן, אַזוי ברענען די לאַמטערנעס" — און ווען אין דער צעצונדענער ליכטיקייט פון די קאַבאַרעטן לאָזט ער אין זיך אויפגיין דעם חלום וועגן ליכט, וואָס לייזט אים פון אומעט אויס. „די נאַכט רעדט": — „ס'איז ניט אומזיסט, וואָס איצטער זיינען אַלע מיינע שויבן גאָלדיק — פאַרנאַכט האָט זיך די זון געראַנגלט, צו די פענצטער זיך געבויגן, געבעטן זיך באַשיצונג, נאָר דער מערב האָט געצויגן — דעריבער הענגען אין די פענצטער מיינע פירקאַנטיקע שטיקער זונען".

ער האָט געדאַרפט אַרויסוואַרפן פון זיך די אַלע געמאַכטע רייד, מיט וועלכע דער עלנדער בחור אין דער פרעמד האָט געדאַרפט פאַרדייען זיין אומעט. דערצו האָט אים געדינט „די פעדער" — ביז ער האָט זיך דערעדט צו דער עכטער, ערלעכער האַרציקייט פון קאַמערויקע. שוין אין דער ערשטער לידער-זאַמלונג איז דאָ אַ קליינע סעריע לידער — „אַפּרו" — וואָס ווייזן אויף אַ פאַרוואַנדלונג. אַ זונטאָג-אידיליע, ער דאַרף צו דער אַרבעט זיך ניט איילן... — „ווי גוט עס איז זונטאָג דער פרימאָרגן — איך ליג אין בעט אַן אויסגערוטער און האָב פרייד". ער איז שוין מער ניט קיין עלנדער בחור: — „עס איז מיין בעט מיט ווייב און קינד פאַרנומען און מיך האָלט ליב אַ ווייכע האַנט אַרומגענומען".

דאָס ווייב און די צוויי קינדער האָבן אים צוריקגעבראַכט קיין קאַמערויקע, צווישן אייגענע, צווישן טאַטע-מאַמע.

די צווייטע לידער-זאַמלונג „נאָענטע" ווייזט אויף אַ גרויסער פעולה. ער טובלט זיך אין קוואַל פון זיין אומעט. אַ דירה פון דלות אויף דער גאַס

פון דלות, וואָס פירט צום בית־עולם, צו וועלכן עס ציען זיך לויות. אַ לויה פון זייער אייגענעם קאַמער — די מאַמע שטאַרבט — און מיר דערוויסן זיך פון וואַנען ער איז אַ פּאָעט: האַרץ קען אַנדערש ניט ריידן ווי אין ביל־דער. האַרץ מאַכט דאָס אויג זעעוודיק. — „בליק צוגעשמידט צום דיל. נאָר פריידיק, אויפגערעגט, ווי פּאָר אַ גאַסט אַ טייערן, בויגן זיך די פּייערן צו דער, וואָס ליגט דאָ צוגעדעקט" — אַט פאַרוואָס די גאַסן־לאַמטערנעס אין ניו־יאָרק זעען זיך אים ווי ליכט צוקאָפּנס פון אַ טויטן. ביים ערשטן קדיש: — „אויגן קוקן ניט אין ליכט פון פענצטער — די גאַס שרייט אינעווייניק אַריין מיט שפּאָט" — אַזוי גוט געדענקט זיך אים דאָס, אַזוי שאַרף זעען אויגן, ווען זיי קוקן מיט האַרץ.

און נאָך פאַרוואָס ער איז אַ פּאָעט: — „מיין טאַטנס אויסזען איז צו מיר אַריבער — איך האָב גע'ירשנ'ט זיין ווייכקייט, זיין דינקייט, זיין בלייכ־קייט, זיין גרינגקייט, זיין אומרו, זיין שווייגן — און זיין — „וויגן אַ ניגון איבערן אָפענעם בלאַט פון משניות". — ניגון האָט זיך אויך צו אים געטראָגן יעדן אָוונט פון די פּריזבעס — „אַ געזאַנג פון מיידלאַך פאַרליבטע", און איינמאָל אפילו דאָס געזאַנג פון זיין מאַמען: — „די וועלט איז קיילעכדיק אַזוי ווי אַן איי — און פון דער וועלט אַוועקצוגיין איז אַז אַך און ווי..."

— אָבער דער ניגון אַליין איז ניט גענוג.

אַ פּאָעט ווערט גאָלדבערג ערשט, ווען ער דערפילט דעם טאַטן אין זיך: — „צו שפּיל איך, צו לעב איך איבער דעם וועזן פון טאַטן, בעת איך גיי מיט מיינע קינדערלאַך אין גאַס — „איך, אינדערמיט פון מיינע קינ־דערלאַך, בין אַ וואַסער־טרעגער, וואָס טראָגט אויף אַ קאַראָמיסל צוויי פולע עמער". — דאָס איז דער טאַטע־געפיל אין אים, וואָס פּרוכפּערט זיך מיט בילדער. ער איז אפילו געראָטן אין טאַטן מיט זיין פּרנסה. דער טאַטע האָט געהאַנדלט מיט אויל און געשעניצט געגנזענע פעדער צום פאַרקויפן. ער איז אַ פאַרבער און פּאָעט — אַ שווערער האַראָפּאַשניק אין ביידע פאַלן, וואו דער טאַטע האָט עס געהאַט „גרינג". אַ פאַרגרעסערטער טאַטע! און אפשר האָט זיך אויך זיין טאַטן געגלוסט אויסצודריקן „זיין ווייכקייט, זיין דינקייט, זיין בלייכקייט, זיין גרינגקייט" אין אַ ניגון, נאָר קיין אַנדער ניגון האָט ער ניט געהאַט, ווי נאָר דעם ניגון איבערן משניות...

און נאָך אַ שטאַרקערער באַווייז, אַז פון זיין טאַטנס געמיט ציט ער זיין אינספּיראַציע:

טעג פלעגן אַרויסגיין פון שטוב אין שווייגן;
נעכט פלעגן קומען און ברענגען טרערן.

זאָרג פלעגט אַרומגיין איבערן טאַטנס שטערן,
ווי אַ ציטער איבער אַ בוים, וואָס פאַרלירט זיינע צווייגן.

דאָ זעען מיר עס: ווען דעם טאַטנס טעג און נעכט גייען, ברעכט דער זון אויס אין פּאָעטישער בילדלעכקייט. שוין אין זיין ערשטער לידער־זאַמלונג האַלטן טעג, נעכט און שעהן אין איין גיין, און ווען ער שטעלט זיך אָפּ צוצוהערן זיך צו זייער גאַנג, פאַרגייט ער זיך אין אַ בילדלעכן זינגענדיקן אומעט. דערפאַר האָט ער עס גרינגערהייט געוואָגלט איבער די גאַסן — דאָס האָט ער זיך געיאָגט נאָך די פּאָזעס אויף צו כאַפּן דעם טאַטן. אָבער דעמאָלט האָט ער נאָך ניט געוואוסט וואָס ער זוכט. אין צווייטן בוך ווייס ער שוין דעם סוד. זיינע קינדער האָבן אים אַריבערגעטראָגן אין זיין אייגענער קינדהייט, צום טאַטן. זיינע קוואַליקסטע שטימונגען זיינען די וואָס קוועלן אים פון צייט־געלויף — פון יאָרן, טעג און שעה׳ן: — „יאָרן — באָבעס אַלטינקע — זיצן אין די ווינקלען פון מיין מוח, זיפצענדיק... — „כ׳וויל שוין זיין איינער פון די לאַגלען, וואָס מיין לעצטער טאָג וועט טראָגן אויף זיינע אַקסלען דער צייט אַנטקעגן". — „אַ שעה פון טאָג האָט מיך איינגעשרויפט אין שטול, פאַרצויגן מיט אַ טיול, און פול איז די שטוב געוועזן מיט איך"...

עס איז דאָך מערקווירדיק מיט גאָלדבערגן: אַליין אַ שווערער האָראָפּאַשניק; פון קינדווייז אָן אַ פּאַנ־בראָט מיט עלנד; כסדר אין געיעג נאָך סצענעס און געשטאַלטן פון עלענד — נאָך טרעמפּס, נעגערס און פאַרזעסענע מוידן. אין פלוג האָט ער דאָך געדאַרפט ווערן אַ סאָציאַלער, אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער, ווי גאָט און לייט האָבן געבאָטן! נאָר ווייל זיין פּראָלעטאַרישקייט לויפט אין שעהן, אין אַרבעטס־שעהן. און שעהן פאַר גאָלדבערגן האָבן כישוף, אָנגעכישופט פון זיין טאַטן, וואָס האָט אין גאַנג פון די שעהן און טעג אַריינגעלעבט זיין נשמה יתירה, און זיי איבערגעלאָזט אַ ירושה צום זון — האָט לוי גאָלדבערג זיך אַריינגעכאַפּט אין טאַטנס קאַראַהאָד פון שעהן און טעג. דערצו האָט אים געדינט „די פעדער" — ביז ער האָט זיך דערדינט, אַז זיינע בעסטע, בילדלעכסטע לידער, געדרוקט אין „צוקונפט", זיינע צייט־לידער, שעה און טאָג־לידער. „דער טאָג — אַ שטיפערל": — איבער די רונדיקע וועגן לויפט אום דער טאָג ווי אַ יעגערל. פאַרנאַכט־צו נעמט ער אַ וואָלקן און מאַכט זיך אַליין זיין געלעגערל. — „ער צינדט אָן דעם קנויט פון אַ לעמפּל, און שטעלט אים אַוועק ביי זיין וויגעלע. און טרינקט פון אַ פולער לבנה זיין מילך אין אַ זילבערן קריגעלע". — „יאַגד": — „מיט פאַרטאָגיקע טריט גיי איך אויף יאַגד אין שטאָטישן וואַלד, און נישטער געהיים, און נישטער געניט, ביז איך ברענג מיין געהאַלט אַ היים —

א דערשאָסענעם טאָג. „נעמט אים מיט פרייד מיין ווייב אויפן וואָג פון איר נויט, צעטיילט אים אין פליש און ברויט, אין שוך און קלייד — פאַר איר און פאַר מיר און פאַר די קינדער"...

אָט אַזוי איז ער פּראָלעטאַריער און פּאָעט אינאיינעם. די שעה, וואָס לויפט אַריין אין טאָג, וואָס לויפט אַריין אין יאָר — דער אונטערגעהערטער גאַנג פון דער צייט. אָפּגעטונקט אין פרייד און לייד — דאָס איז עס, וואָס עפנט ברייט זיינע אויגן, פאַרגרעסערט, פאַרהאַרציקט און פאַרבילדלעכט זיין בליק — ביז זיין זען ווערט זעאונג. דאָס איז לוי גאָלדבערגס אייגנ־אַרטיקייט, ביי קיינעם ניט געבאָרגט, וואָס אַנדערע דאַרפן ביי אים באָרגן.

צום שלוס, לוי גאָלדבערג'ס זעלבסט קריטיק: — „אַפילו ניט אין פולן ליד איז דאָ אַלצדינג, וואָס כ'האָב פאַרטראַכט אין שטילער שעה צו זאָגן — איז עס ניט דערפאַר, ווייל עס איז אין מיר ניטאָ דער פלייס פון שניצן און פאַרונדערן, שלאָף פאַרצוקט מיין קורצע יום־טוב שעה, און שטערט מיין וואונדער צו באַוואונדערן". — דאָס איז אמת, דער ערלאָכער לוי זאָגט אַלע־מאָל דעם ריינעם אמת.

איבערגעדרוקט פון 25־יאָריקן יובילײ נומער „די פעדער" (1945).

פאַרצייכעניש:

	זייט
ערשטע אָפּטיילונג	3
וועמענס לידער	4
ניגון אין ווינט	5
אַ ליד — אַ למד וואָוו	6
לעבן מיינער	8
לויכטענדיקע שיינקייט	9
דאָ, אין דער פרעמד	10
י ר ו ש ה	11
באַליידיקט	12
ווייס . . .	14
יונגע עפּל	16
דאָס געפינס	18
דערמאָנונג	27
הערט, ווי איך פאַר'מסר	28
שקצים — שוסטערלעך	20
די הויז וואָס איז שוין מער ניטאָ	32
בולוואַרן אין אַ זומערדיקן זונטיק	34
אַ חתונה	38
אידיליע	41
אין אַ פרעמדער ראָם	42
שבעה נאָך דער מאַמען	44
נייער טאַטע	45
די שטים	46
געטלאַכקייט	48
ווי אַ ליכט	49
אַ דיכטערס האַרץ	50
אַ מענטש איז געשטאָרבן	51
בלעטער־פאַל אין רעגן	52
ביים קברן אין זיין דירה	53
אַ מיידלשער חלום	54
געזאַנג צו דער עלטער	56
אָוונט־ליד	57
ס'איז מיר באַשערט	58
צווייטע אָפּטיילונג	59
איך קען אויסדויערן ווייטיק	60
ד י אַ ל אָ ג	61
רייד וואָרט מיינער !	62
מיין וואָרט	63

	זייט
די גרויס פון אַ בויד	64
דואַליזם	65
לידער	66
וואונדער פון דער אָוונט־שעה	67
ווי אין אַ מעשה'לע	68
אַ מעשה'לע וועגן אַ פּאָעט	69
ווי אין אונזער לעבן	70
פאַראַנען לידער	71
דער לידער־טרעגער	72
אַברהם ליעסין	74
אַברהם רייזען	75
צו יעקב גלאַטשטיינ'ען	76
צו אַהרן קאַרליניען	77
ראובן גראַנאָווסקי	78
משה יונה חיימאָוויטש	79
אַ באַגעגעניש	80
בידערמאַן אין זיין בוך־קראָם	82
אין דער פרעסע	83
דער שוויגער	84
דיכטונג	85
אַ פאַרגעסענער פּאָעט	86
רעשט	87
אַ נאַקעט ליד	88
אין מיין רו־טאָג	89
דער ערשטער פּרואוו מאָנט תיקון	90
קאַלענדאַר ריסן	91
וועג אַהיים	91
באַלאַדע לוי	92
לוי און לואיס	94
וואָס איז ליד ?	95
אויפקום פון ליד	96
גייסטיקע ברויט	98
ליד פון גורל	99
אַ ניט געשריבן ליד	100
אומגליקן ריידן	101
אַ אידישער ראַבין־הוד	102
אַ גרענעץ שמוגלער	104
אַן „אינטעליגענט"	105
אַ בעטלער פּאָעט	106

זייט

נאַכט־שפּיל 107
דער „טאָג” אַ שטיפערל 108
אין פענסטער פון אַ ספרים־קראָם 109
אַ גליד אין דער משפחה 109
אַ בריוו צום היסטאָריקער 110
אַ תפילה 112

דריטע אָפּטיילונג 113

אין זיין עלנט 114
צייט פון גזר 117
קבר אבות 118
Blackout 120
ר׳עליע און זיינע אייניקלאַך 121
מיידלאַך קדושות 122
מאָרד־קאַמערן 124
צום מיט־מענטש 125
אין פאַרצווייפלונג 126
אַ שעה אורלויב 128
אַרום וואָקזאַל 129
דער העלד 130
צו מיין געבורט־שטאָט 131
כ׳וועל זיך פרייען 132
פאַרוואַנדלונג 134
היים־ווי 136
צ ע ר 137
אַ מעשה שהיה 138
רעפלעקס 140
אין דערינערונג 142
איצטער 145
דער פליט צו די אָפּגעפרעמטע 146
קינד אויף הפקר 147
צו אַ פליכטלינג־קינד 148
מיט נייעם אָנהויב 150
רייד, אין דער מחשבה 151
ווידער־לעבן (סאָנעטן־רינג) 152

פערטע אָפּטיילונג 161

אין וואָך פון אַרבעט 162
פאַרלאָזטער געגענט 163
י אַ ג ד 164
טעג אָן אַרבעט 165
וואָכעדיק 166

זייט

דירה־געלט 167
אָרעמע האָטעלן 168
באַלאַדע פון וויליאַמסבורג בריק 170
אַ מענטש אין רעגן 171
אינצידענט 172
דער קוילן־טרעגער 174
צום נעגער בויער 176
אַרום אַ וואַש־פאַבריק 177
שוואַך־מוטיקייט פון אַ נעגער 178
אַ פידעלע אין פלאַם 180
אַרום פאַרשאָלטן ברויט 182
פאַרוואָס אַזאַ טויט ? 183
אין ליכט פון אַ האַלבער לבנה 184
קעשענע גנבים 186
מאַי־פאַראַדן 187
ערשטער מאַי דערינערונג 188
פגימ׳ער 189
אַ איסט־סייד רעסטאָראַן 190
Zion Street 191
אַ איד אַ שיכור 192

פינפטע אָפּטיילונג 193

וואַסער אין אַ גריבעלע 195
אַ ראַנדעוואו 196
גאָטס באַשעפענישן 198
אַ מויער אין ניו־יאָרק 200
די גוטע בהמה 202
אַלץ צוליב פרנסה 205
צווילינגלאַך
(מיידעלאַך) 206
(אינגעלאַך) 207
אַ מעשה מיט זיבן גזלנים 208
אַ אינגל מיט ברילן 213
קייסער און פויער 215
פראָלעטאַריער און פּאָעט 218
(קריטישע עסיי פון ב. ריווקין)

פריערדיקע ביכער:

„לידער און באַלאַדען”, 1923

„נאָענטע”, לידער, 1932